בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזּוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

**אִידִישׁ**

## פָּרָשַׁת בָּלָק

**תשפ"ד**

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


**נדפס ע"י**

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י**
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

מֶעג מֶען זִינְגֶען "אוֹי", אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ?......................................... א
וִוי אַזוֹי אִיז מֶען מְחַנֵּךְ קִינְדֶער צוּ רֶעדְן אֵיידְל?.......................... ב
נֶעמֶען מֶעדֶעצִין זִיךְ אוֹיסְצוּהֵיילְן פוּן טוּמְאָה?.............................. ד
אִיךְ קְרִיג זִיךְ אַזוֹיפִיל מִיט מַיין וַוייבּ, וְוִי אַזוֹי גֵייט מֶען וַוייטֶער? ............. ז
בִּין אִיךְ אַ דוּרְכְפַאל?............................................................... ח
פַארְוָואס אִיז מַיין בְּרוּדֶער אַזוֹי נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶצְ'דִיג צוּ מַיין טַאטֶע?......... ט

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

גֶעבֶּענְטְשְׁט זָאלְסְטוּ זַיין פַארְן הֶעלְפְן דְרוּקְן דִי סְפָרִים ........................... א
ווָאוּ אִיז עֶנְקֶערֶע שְׁרִיפְטְן?........................................................... א
בֶּעסֶער נִישְׁט הֶענְגֶען בִּילְדֶער פוּן חַיוֹת טְמֵאוֹת ......................................... ג
נֶעמֶען מֶעדֶעצִין צוּ שְׁטַארְקְן דִי נֶערְוֶוען?.............................................. ד
דִי עֶלְטֶערְן וֶועלְן הָאבְּן דִי רוּחַ הַקוֹדֶשׁ וֶועלְכֶע נָאמֶען צוּ גֶעבְּן ............... ו
פְּרוּוְוען הַצָלָה............................................................................ ו
אִיךְ שְׁטוֹין וְוִי אִיר זֶענְט אַזוֹי אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ .............. ז
שָׁלוֹם מַאכְן מִיט דִי שְׁכֵנִים, וֶועט בְּרֶענְגֶען אַ נֵס....................................... ח
זָאלְסְטוּ אִיר אוֹיסְהֶערְן, אוֹיסְרֶעדְן, אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן ............................ ח
שְׁטְרֶענְג זִיךְ אָן אוֹיפְצוּנֶעמֶען יֶעדְן מִיט אַ שְׁמֵייכְל ................................ ט

נִישְׁט אַרֶועקְגֶעגֶעבְּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער פַּאר דִי דְזְשַׁאבּ ................................ י
הֶער אוֹיס דַיין וַוייבּ וֶוען זִי רֶעדְט צוּ דִיר ................................ י
עֶטְלִיכֶע עִנְיָנִים פַּאר "בֵּית פֵּיגָא" שׁוּלֶע ................................יא
אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט אַ שִׁידוּךְ ................................יב
מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן צוּ דִי וַוייבּ קֶעגְן אִיר מַאמֶע................................יג
קְלֶענֶערֶע שִׁיעוּרִים פַּאר דִי "הִתְאַחֲדוּת אַבְרֵכִים" ................................יד
דֶער וָואס אִיז מְוַותֵּר לְמַעַן הַשָּׁלוֹם, דֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ......יד
מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ................................ טו
אִין דִי קְהִילָה דַארְף מֶען אוֹיךְ מְפִיצִים ................................ טו
תּוֹרָה מַאכְט פְרֵיילִיךְ, תּוֹרָה מַאכְט צוּפְרִידְן ................................ טז
צְנִיעוּת הִיט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס................................יז
קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צְווִינְגֶען צוּ אַ שִׁידוּךְ ................................יז
מֶען טָאר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, פְּלִיקְן, אוּן שְׁטֶעכְן דֶעם מַאן ................................יח
רֶעד מִיט עֶלְטֶערְן שֵׁיינֶערְהֵייט מִיט סַבְלָנוּת ................................יח
אַכְטוּנְג גֶעבְן אוֹיף קִינְדֶער וואוּ אוּן מִיט וֶועמֶען זֵיי דְרֵייעֶן זִיךְ................יט
נִישְׁט פַאְרלַאנְגֶען פוּן בָּחוּרִים צוּ צָאלְן פַאר זֵייעֶרֶע גֶעבְּרוֹיכְן ................ כ
צְווִישְׁן דִי דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן, זָאלְט אִיר בֶּעטְן אַייעֶרֶע תְּפִלּוֹת................כא
וֶוער הָאט דִיךְ אַזוֹי פַארְדְרֵייט מִיט אַזֶעלְכֶע פַארְדְרֵייטֶע שִׁיטוּת? ..........כא
גֵיי בַּאדִינֶען דַיין טַאטֶע אִין שְׁפִּיטָאל................................כג

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## מֶעג מֶען זִינְגֶען "אוֹי", אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק, עֵצוֹת, אוּן שֵׂכֶל הַיָּשָׁר, וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן דִי שִׁיעוּרִים.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אִין סֵפֶר "אַבְנֵיהָ בַּרְזֶל" (סִימָן ס"ו) אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט זָאגְן "אוֹי" אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ. הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ דָאס גֵייט אוֹיךְ אַרוֹיף אוֹיף אַ נִיגוּן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל דִי בַּאקַאנְטֶע נִיגוּן "אוֹי אוֹי אוֹי שַׁבָּת", אָדֶער נָאךְ פַארְשִׁידֶענֶע נִיגוּנִים וָואס קוּמְט אַרַיין דָארְט דָאס וָוארְט "אוֹי".

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר אָנְגֶעזָאגְט מִיר זָאלְן זַיין שַׂבָּת נָאר פְרֵיילִיךְ, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן יז): "צָרִיךְ לִזָּהֵר מְאֹד לִהְיוֹת שָׂמֵחַ וְטוֹב לֵב בְּשַׁבָּת", מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, "כִּי מַעֲלוֹת וּקְדֻשּׁוֹת שַׁבָּת גְּדוֹלָה וִיקָרָה מְאֹד", וַוייל שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג אוּן טֵייעֶר, "וְהַכְּלָל, שֶׁצָּרִיךְ לִנְהֹג שִׂמְחָה גְּדוֹלָה בְּשַׁבָּת קֹדֶשׁ, וְלִבְלִי לְהַרְאוֹת שׁוּם עַצְבוּת וּדְאָגָה כְּלָל, רַק

לְהִתְעַנֵּג עַל ה׳״, מֶען טָאר נִשְׁט זַיין טְרוֹיעֶרִיג שַׁבָּת אוּן נִשְׁט זַיין פַאַרְזָארְגְט שַׁבָּת, נָאר פְרֵיילִיךְ.

דִי תּוֹרָה הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: ״בִּיסְטוּ פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת?״ הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: ״צוּמָאל בִּין אִיךְ פְרוּם״; הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: ״נֵיין, שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ״, דֶעמָאלְט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה אַז שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ (פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תשצב).

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ זִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ שַׁבָּת, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע תִּיקוּן פַאר וָואס מֶען דַארְף מְתַקֵּן זַיין. אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּנְחוּמָא בְּרֵאשִׁית, ג): ״כְּבוֹד שַׁבָּת עָדִיף מֵאֶלֶף תַּעֲנִיּוֹת״, זִיךְ פְרֵייעֶן שַׁבָּת אוּן הָאבְן פַארְגֶענִיגְן שַׁבָּת - אִיז מֶער פוּן פַאסְטְן טוֹיזְנְט טֶעג.

זִינְג אוּן טַאנְץ אַ גַאנְץ שַׁבָּת, זִינְג זְמִירוֹת שַׁבָּת; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן קד) זִינְגֶען זְמִירוֹת אִיז דֶער עִיקָר פוּן אִידִישְׁקֵייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווִי אַזוֹי אִיז מֶען מְחַנֵּךְ קִינְדֶער צוּ רֶעדְן אֵיידְל?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיִשַׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע אוּן גֶעשְׁמַאקֶע חִיזּוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם כְּסֵדֶר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אִיךְ אַרְבֶּעט אַלְס מְלַמֵּד, אוּן אִיךְ הָאב בַּאקוּמֶען גָאר אַ שְׁווֶערֶע כִּתָּה, גָאר ווִילְדֶע אוּן שְׁווֶערֶע קִינְדֶער, אוּן עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁווֶער זֵיי מְחַנֵּךְ צוּ זַיין, סְפֶּעצִיעֶל נִישְׁט צוּ רֶעדְן אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען, אוּן נִישְׁט צוּ רֶעדְן מִיאוּסְ'עֶ ווֶערְטֶער אוּן שֶׁעלְט ווֶערְטֶער וְכַדּוֹמֶה. אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵּל יֶעדְן טָאג אוֹיף דֶעם, אָבֶּער עֶס אִיז מִיר שְׁווֶער זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן.

הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי אוֹיפְן ווֶעג צוּ חֵדֶר הָאב אִיךְ גֶעלֵיינְט דֶעם חִינוּךְ גִּלְיוֹן פוּן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א (גִּלְיוֹן ס"ב), אִיךְ הָאב גֶעלֵיינְט דָארְט אַז פַאר קִינְדֶער דַארְף מֶען אִיבֶּערְזָאגְן

יֶעדֶע זַאךְ טוֹיזְנְט מָאל בִּיז זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן און כַאפְּן עֶס, און דָאס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַסַאךְ חִיזוּק און הָאפֶענוּנְג. אִיךְ הָאב אִיבֶּערְגֶעזָאגְט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א'ס וֶוערְטֶער אִין מְלַמְּדִים שְׁטִיבְּל פַאר דִי אַנְדֶערֶע מְלַמְּדִים, און דָאס הָאט זֵיי אוֹיךְ שְׁטַארְק מְחַזֵּק גֶעוֶוען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל גֶעבְּן וַוייטֶער אַסַאךְ כֹּחַ און מֹחַ פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אָנְצוּגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ב׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז דִיר און וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ לֶערְנְסְט מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם, נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט וִוי לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:) אוֹיפְן פָּסוּק (דָּנִיֵּאל יב, ג): ״׳וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד׳, אֵלּוּ מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת״, דָאס מֵיינְט מֶען דִי מְלַמְּדִים וָואס לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער, זֵיי וֶועלְן שַׁיינֶען וִוי דִי שְׁטֶערְנְס.

דָאס אִיז דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ מְלַמֵּד, רֶעדְן און רֶעדְן בִּיז מֶען פּוֹעֵל׳ט. מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, וַוייל מֶען זֶעט נִישְׁט אַלְץ גְלַייךְ וָואס מֶען טוּט אוֹיף, אָבֶּער יֶעדֶע וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער - טוּט אוֹיף; עֶס גֵייט אַרַיין אִין זֵיי און עֶס פּוֹעֶל׳ט.

רֶעד צוּ דִי קִינְדֶער אַסַאךְ פוּן קְדוּשָּׁה, און אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, יֶעצְט אִיז דִי צַייט זֵיי אוֹיסְצוּלֶערְנֶען זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה פַארְצֵיילְן (תָּנָא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פֶּרֶק יג): ״מַעֲשֶׂה בְּאָדָם אֶחָד שֶׁהָיָה עוֹמֵד הוּא וּבְנוֹ בְּבֵית הַכְּנֶסֶת, וְכָל הָעָם הָיוּ עוֹנִין אָמֵן וְהַלְלוּיָהּ אַחַר הָעוֹבֵר לִפְנֵי הַתֵּיבָה, וּבְנוֹ עוֹנֶה דְּבָרִים שֶׁל תִּפְלוּת, וְלֹא אָמַר לוֹ אָבִיו שׁוּם דָּבָר״, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל יוֹם טוֹב סוּכּוֹת אִין שׁוּל, אַלֶע מִתְפַּלְּלִים הָאבְּן שֵׁיין גֶעדַאוֶוענְט הַלֵּל, און עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ

איד וָואס זַיין זון הָאט נִישְׁט גֶעדַאוֶוענְט און נִישְׁט גֶעזָאגְט הַלֵּל, נָאר עֶר הָאט גֶערֶעדְט נִיבּוּל פֶּה וְכוּ' אִין שׁוּל הוֹיךְ פַאר אַלֶעמֶען, "וְאָמְרוּ לוֹ הַבְּרִיּוֹת שֶׁיִּמְחֶה בִּבְנוֹ", מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען רֶעדְן צוּ דֶעם אִיד עֶר זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זַיין זון, מֶען הָאט אִים גֶעזָאגְט: "גֶעב אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין זון, עֶר דַאוֶוענְט נִישְׁט און עֶר רֶעדְט שְׁמוּצִיג וְכוּ'", דֶער אִיד הָאט זִיךְ נִישְׁט וְויסְנְדִיג גֶעמַאכְט, "וְהֵשִׁיב וְאָמַר לָהֶם: 'מָה אֶעֱשֶׂה לוֹ, תִּינוֹק הוּא, יְשַׂחֵק'", עֶר הָאט גֶעזָאגְט עֶס אִיז גָארְנִישְׁט, עֶר אִיז נָאךְ אַ קִינְד, "שׁוּב לְמָחָר עָשָׂה כֵּן, כָּל אוֹתָן יְמֵי הֶחָג עָנָה בְּנוֹ דְּבָרִים שֶׁל תִּפְלוּת וְלֹא אָמַר לוֹ אָבִיו שׁוּם דָּבָר", אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, טָאג נָאךְ טָאג, מֶען הָאט אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער, אָבֶּער עֶר הָאט אַלְץ גֶעזָאגְט עֶס אִיז גָארְנִישְׁט, עֶר אִיז נָאךְ אַ קִינְד, "לֹא יָצְתָה אוֹתָהּ שָׁנָה לֹא שְׁנִיָּה וְלֹא שְׁלִישִׁית עַד שֶׁמֵּתוּ אִשְׁתּוֹ וּבָנָיו וּבֶן בְּנוֹ וְיָצְאוּ לוֹ חֲמֵשׁ עֶשְׂרֵה נְפָשׁוֹת בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ, וְלֹא נִשְׁתַּיֵּר לוֹ אֶלָּא שְׁנֵי בָנִים, אֶחָד חִגֵּר וְסוּמָא וְאֶחָד שׁוֹטֶה וְרָשָׁע", פִּירְט אוֹיס אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא, עֶס אִיז נִישְׁט אַרִיבֶּער אַפָּאר יָאר בִּיז זַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אִיז אִים אוֹיסְגֶעשְׁטָארְבְּן און עֶס אִיז נָאר גֶעבְּלִיבְּן צְוֵויי קִינְדֶער - אֵיינֶער אַ בְּלִינְדֶער און אַ הִינְקֶעדִיגֶער, און אַ קִינְד אַ שׁוֹטֶה אַ רָשָׁע; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז מֶען דַארְף מְחַנֵּךְ זַיין קִינְדֶער אֲפִילוּ וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גָאר קְלֵיין.

(עֶס אִיז וִויכְטִיג צוּ וִויסְן, וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער פוּן קְדוּשָּׁה - דַארְף מֶען רֶעדְן מִיט פֵייעֶר און הִתְלַהֲבוּת, מֶען מוּז דָאס רֶעדְן מִיט אַ שְׁטַארְקְקֵייט, אַז נִישְׁט קֶען זַיין יָצָא שְׂכָרוֹ בְּהֶפְסֵדוֹ, עֶס קֶען וֶוערְן אַ לֵיצָנוּת, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נֶעמֶען מֶעדְעצִין זִיךְ אוֹיסְצוּהֵיילְן פוּן טוּמְאָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַ בְּרִיוו אִינֶעם "גִּלְיוֹן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ" (פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים תשפ"ד), אַן עֶנְטְפֶער צוּ אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס פְרֶעגְט וָואס צוּ טוּן אִיבֶּער דֶעם וָואס עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין קוּקְן נִיאוּף אוּן שְׁמוּץ רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א עֶנְטְפֶערְט אִים אַז עֶר וֶועט פַארְלִירְן אַלֶעס אִין זַיין לֶעבְּן, עֶר וֶועט פַארְלִירְן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

עֶס הָאט מִיר גֶעכַאפְּט אַ פַּחַד אוּן אַ שְׁרֶעק, אִיךְ בִּין לַיידֶער זֵייעֶר צוּגֶעוואוֹינְט צוּ קוּקְן דִי זַאכְן, אוּן אִיךְ זֶע טַאקֶע ווִי עֶס הַרְגְ'עֶט מִיר מַמָּשׁ דָאס לֶעבְּן, אַלֶעס אַזוֹי ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִין דֶעם בְּרִיוו, מַיין שְׁאֵלָה אִיז נָאר אַז בַּיי מִיר אִיז עֶס מַמָּשׁ אַ וֶועג פוּן קֶענֶען אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן, עֶס אִיז פָּשׁוּט אַ קְרַאנְקְהֵייט אַזוֹי ווִי יֶעדֶע אַנְדֶערֶע מַחֲלָה, אוֹיבּ קוּק אִיךְ נִישְׁט קֶען אִיךְ נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן דִי סְטְרֶעס אוּן שְׁוֶועריְקַייטְן וָואס אִיךְ גֵיי דוּרְךְ.

ווַייל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הַאלְט פוּן נֶעמֶען מֶעדִיצִין פַאר דֶעם, אָדֶער אִיז דָא אַן אַנְדֶערֶע עֵצָה דֶערְצוּ? ווִי אַזוֹי קֶען זַיין אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער שְׁטְרָאפְּט אוֹיף אַ זַאךְ וָואס אִיז אַ פְּשׁוּט'עֶ מַחֲלָה בַּיי גֶעווִיסֶע מֶענְטְשְׁן? אִיךְ וֶועל זַיין בֶּאֱמֶת דַאנְקְבַּאר פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיבּ מֶען קֶען מִיר דָאס אוֹיסְקְלָארְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ד׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ בִּיסְט נֶעבֶּעךְ אַזוֹי פַארְדְרֵייט, אַזוֹי טִיף אִין דִי טוּמְאָה; וָואס אִיז מִיט דִיר גֶעשֶׁען? וָואס טְרַאכְסְטוּ, קוּקְן עֲבֵירוֹת וֶועט דִיר הֶעלְפְן אַוֶועק נֶעמֶען אָנְגֶעצוֹיגֶנְקֵייט (סְטְרֶעס) אוּן דֶעפְּרֶעסְיֶע?! קוּקְן עֲבֵירוֹת מַאכְט דָאךְ דִי אָנְגֶעצוֹיגֶנְקֵייט, קוּקְן עֲבֵירוֹת מַאכְט דִי דֶעפְּרֶעסְיֶע; ווִיפִיל דוּ וֶועסְט קוּקְן עֲבֵירוֹת - וֶועסְטוּ וֶוערְן מֶער אוּן מֶער אוּמְגְלִיקְלִיךְ.

וֵויי פַאר דִיר אוּן וֵויי פַאר דַיין נְשָׁמָה אַז דוּ קוּקְסְט עֲבֵירוֹת! אַז מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת, מֶען קוּקְט נִיאוּף - פַאלְט מֶען אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס. מֶען וֶוערְט שְׁנֶעל אַלְט, מֶען שְׁטַארְבְּט פַאר דִי צַייט. דֶער

רַמְבַּ"ם (הִלְכוֹת דֵּעוֹת ד, יט) רֶעכְנְט אוֹיס וָואס מֶען פַארְלִירְט אַלְץ דוּרְךְ פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז דִי חַכְמֵי הָרוֹפְאִים זָאגְן, אֵיינֶער פוּן טוֹיזְנְט שְׁטַארְבְּט אִין דִי צַייט, אוּן דִי אִיבְּרִיגֶע שְׁטַארְבְּן פַאר דִי צַייט, זֵיי שְׁטַארְבְּן פוּן פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית, "הַגּוּף כָּלֶה וְכֹחוֹ כָּלֶה וְחַיָּיו אוֹבְדִים", מֶען וֶוערְט אַלְט אוּן שְׁוַואךְ יוּנְגֶערְהֵייט, מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס.

וֵויי אִיז פַאר דִיר, וֵויי אִיז פַאר דַיין נְשָׁמָה אַז דוּ קוּקְסְט עֲבֵירוֹת אוּן דוּ רֶעדְסְט זִיךְ אַיין אַז דָאס אִיז דַיין רְפוּאָה; אִיךְ זָאג דִיר דָאס אִיז וָואס מַאכְט דִיךְ דֶעפְּרֶעסְט, דָאס אִיז וָואס נֶעמְט דִיר צוּ דַיין שִׂמְחַת הַחַיִּים, דָאס בְּרֶענְט דִיר אוֹיס דַיין מֹחַ.

אַז דוּ ווִילְסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי טוּמְאָה - זָאלְסְטוּ נֶעמֶען אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן נֶעם אַ גְּמָרָא אוּן זָאג בְּלֶעטֶער גְמָרָא, דִי תּוֹרָה וֶועט דִיר אוֹיסְוַואשְׁן דַיין נְשָׁמָה, עֶס וֶועט דִיךְ אוֹיסְוַואשְׁן פוּן דִי אַלֶע טוּמְאָה, אַלֶע שְׁמוּץ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם, רַחֲמָנָא לִצְּלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ" - וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

פָּאר קַיין אוּמַאן צוּם גְרֶעסְטְן דָאקְטֶער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי; גֵיי צוּם צִיּוּן, זָאג דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ]; דֶער רֶבִּי וֶועט דִיךְ אוֹיסְהֵיילְן אוּן מְתַקֵּן זַיין.

...

## אִיךְ קְרִיג זִיךְ אַזוֹיפִיל מִיט מַיין וַוייבּ, ווִי אַזוֹי גֵייט מֶען ווַייטֶער?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְלֵייגְט זִיךְ, עֶס הוֹיבְּט זִיךְ אָן כְּסֵדֶר פְּרִישֶׁע וִיכּוּחִים אוּן חִלּוּקֵי דֵעוֹת צְווִישְׁן מִיר אוּן מַיין טַייעֶרֶע וַוייבּ, אוּן דָאס צֶעבְּרֶעכְט אַזוֹי שְׁטַארְק אוּנְזֶער שְׁלוֹם בַּיִת.

ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ ווַייטֶער לִיבּ הָאבְּן מַיין וַוייבּ, טְרָאץ דִי פִילֶע זַאכְן ווָאס שְׁטֶערְן מִיר אַזוֹי שְׁטַארְק פוּן אִיר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ד׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן רסג): ״שֶׁזֶּה מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר, שֶׁמַּנִּיחַ אֶת עַצְמוֹ עַל זֶה מְאֹד, לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁל בְּנֵי הַנְּעוּרִים״, דָאס אִיז דִי זַאךְ פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע; מַאכְן קְרִיגֶערֵייעֶן צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, חָרוּב מַאכְן דִי לִיבְּשַׁאפְט, אַוֶועק נֶעמֶען דִי שָׁלוֹם צְווִישְׁן זֵיי, ״כְּדֵי שֶׁיִּתָּפְסוּ בִּמְצוּדָתוֹ חַס וְשָׁלוֹם עַל יְדֵי זֶה״, אַזוֹי כַאפְּט עֶר אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ בַּיי אִים אִין זַאק אַרַיין, ״כִּי הוּא אוֹרֵב עַל זֶה מְאֹד, לְתָפְסָם בִּנְעוּרֵיהֶם״, דֶער יֵצֶר הָרָע לָאקֶערְט אוֹיף יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער, ״עַל יְדֵי קִלְקוּל הַשָּׁלוֹם בַּיִת חַס וְשָׁלוֹם״, אַוֶועק נֶעמֶען דִי לִיבְּשַׁאפְט, דִי שָׁלוֹם, ״שֶׁגּוֹרֵם בְּעַרְמוּמִיּוּתוֹ, לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁבֵּינֵיהֶם״, אַזוֹי וַוארְפְט עֶר זֵיי אַרַיין אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן.

מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, מַיין טַייעֶרֶער חָבֵר, טוּ אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אוּן לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן עֶנְק, אוּן אַז עֶס אִיז דָא זַאכְן ווָאס שְׁטֶערְט דִיר פוּן דַיין וַוייבּ - זָאלְסְטוּ גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת; וֵוויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג דִי תְּפִלָּה:

**״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן מַיין וַוייבּ, עֶס זָאל זַיין**

שָׁלוֹם צְווִישְׁן אוּנְז, הֶעלְף מִיר עֶס זָאל מִיךְ נִישְׁט נֶערְוֶועז מַאכְן דִי זַאכְן וְכוּ׳, הֶעלְף מִיר עֶס זָאל מִיךְ נִישְׁט שְׁטֶערְן וָואס זִי טוּט. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז אִיךְ בִּין נָאר אַ גַאסְט אוּן בַּאלְד גֵיי אִיךְ שׁוֹין אַהֵיים צוּ דִיר, בַּאלְד וֶועט מֶען מִיךְ בַּאגְרָאבְן אִין בֵּית הַחַיִּים, אוּן עֶס וֶועט נָאר בְּלַייבְּן פוּן מִיר וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַיינְגֶעהַאלְטְן, מְוַותֵּר גֶעוֶועְן אוּן גֶעזוּכְט שָׁלוֹם.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אוֹיסְאַרְבֶּעטְן מַיין בְּלוּט, אוֹיסְרֵיינִיגְן מַיינֶע בְּלוּט, אִיךְ זָאל גָארְנִישְׁט וֶועלְן, אִיךְ זָאל נָאר וֶועלְן זַיין נָאנְט צוּ דִיר, עֶס זָאל מִיר גָארְנִישְׁט אָנְגֵיין, זַכֵּינוּ לַאֲרִיכַת אַפַּיִם, אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן נֶערְוֶועז פוּן קֵיינֶעם״.

אַזוֹי זָאלְסְטוּ גֵיין יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִיר עֶס זָאל דִיר גָארְנִישְׁט בַּאדֶערְן, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בִּין אִיךְ אַ דוּרְכְפַאל?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין שׁוֹין וַוייטֶער דוּרְכְגֶעפַאלְן, מֵיינְט דָאס אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ דוּרְכְפַאל? אִיךְ דַארְף חִיזוּק.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ה׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ ״אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ דוּרְכְפַאל״, יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען

פַאררֶעכְטְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיב): "אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל, תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן", אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט טוּן שְׁלֶעכְטְס - גְלֵייבּ אוֹיךְ אַז דוּ קֶענְסְט פַארְרֶעכְטְן.

טוּ תְּשׁוּבָה, זַיי זִיךְ מִתְוַדֶּה, דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַיין דוּרְכְפַאל און בֶּעט אִים עֶר זָאל אָנֶעמֶען דַיין תְּשׁוּבָה, זָאג אִים צוּ אַז דוּ וֶועסְט מֶער נִישְׁט טוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ. דָאס אִיז דִי עֶכְטֶע וֶועג פוּן תְּשׁוּבָה טוּן, מֶער נִישְׁט טוּן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מט): "וְדַע" זָאלְסְט וִויסְן, "שֶׁעִקַּר הַתְּשׁוּבָה הַשְּׁלֵמָה הִיא" דִי עֶכְטֶע וֶועג פוּן תְּשׁוּבָה טוּן אִיז - "כְּשֶׁאָדָם עוֹבֵר בְּאֵלּוּ הַמְּקוֹמוֹת מַמָּשׁ שֶׁהָיָה מִקֹּדֶם הַתְּשׁוּבָה" וֶוען מֶען גֵייט אַרִיבֶּער נָאכְאַמָאל דִי נִסָּיוֹן וָואס מֶען הָאט גֶעהַאט, "כָּל אֶחָד לְפִי מַה שֶּׁעָבַר עָלָיו בַּיָּמִים הַקּוֹדְמִים" יֶעדֶער אֵיינֶער זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, "וּכְשֶׁעוֹבֵר בְּאֵלּוּ הַמְּקוֹמוֹת וְהָעִנְיָנִים שֶׁהָיָה מִתְּחִלָּה מַמָּשׁ" און אַז מֶען הָאט נָאכְאַמָאל דִי נִסְיוֹנוֹת, מֶען הָאט נָאכְאַמָאל דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ טוּן דִי שְׁלֶעכְטְס, "וְעַכְשָׁו פּוֹנֶה עֹרֶף מֵהֶם" און מֶען דְרֵייט זִיךְ אַוֶועק פוּן דֶעם, "וְכוֹפֶה יִצְרוֹ" און מֶען פָאלְגְט נִישְׁט דֶעם יֵצֶר הָרָע, "לְבִלְתִּי לַעֲשׂוֹת עוֹד מַה שֶּׁעָשָׂה" מֶען טוּט נִישְׁט וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן - "זֶהוּ עִקַּר הַתְּשׁוּבָה הַשְּׁלֵמָה", דָאס אִיז עֶכְטֶע תְּשׁוּבָה, "וְרַק זֶה נִקְרָא תְּשׁוּבָה" און נָאר דָאס אִיז תְּשׁוּבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְוָואס אִיז מַיין בְּרוּדֶער אַזוֹי נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג צוּ מַיין טַאטֶע?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין טַאטֶע בַּאקְלָאגְט זִיךְ מִיר גָאר אַסַאךְ וֶועגְן מַיין בְּרוּדֶער, אַז עֶר לַיידְט אַסַאךְ פוּן

אִים, עֶר לָאזְט אִים נִשְׁט מְנוּחָה, אַ גַאנְצֶע שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה אִיז עֶר פַארְנוּמֶען אַז מַיין טַאטֶע טוּט נִשְׁט רִיכְטִיג דִי מִנְהָגִים אַזוֹי וִוי זַיינֶע זֵיידֶעס אוּן דִי חֲסִידוּת פוּן וואוּ זֵיי קוּמֶען, אוּן דִי זֶעלְבֶּע בַּיים דַאוֶוענֶען, עֶר זָאגְט אִים הֶעָרוֹת אַז עֶס פַּאסְט נִשְׁט צוּ קוּקְן אִין אַ סֵפֶר בַּיים דַאוֶוענֶען, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט; וָואס אַ טַאטֶע וָואלְט אֶפְשָׁר גֶעדַארְפְט זָאגְן פַאר זַיינֶע קִינְדֶער, זָאגְט דֶער בָּחוּר פַאר זַיין טַאטֶע.

בַּיי דִי סְעוּדָה שַׁבָּת בַּייטָאג פְּלִיקְט עֶר אַרָאפּ דִי חַלָּה דֶעקְל, וַוייל אִין דִי חֲסִידוּת פוּן וואוּ אוּנְזֶערֶע זֵיידֶעס קוּמֶען לֵייגְט מֶען נִשְׁט קַיין חַלָּה דֶעקְל שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי. גֶעוִויסֶע סְפָרִים בַּאהַאלְט עֶר וַוייל עֶר הַאלְט נִשְׁט פוּן דֶעם, עֶס בַּאדֶערְט אִים בִּיזְן נְשָׁמָה אַז מַיין טַאטֶע אִיז נִשְׁט קְלָאר לְשִׁיטָתוֹ מִיט דִי מִנְהָגִים.

דֶער פְּרָאבְּלֶעם הוֹיבְּט זִיךְ אָן וֶוען מַיין טַאטֶע פְּרוּבִּירְט אִים עֶפֶּעס צוּ זָאגְן, דֶעמָאלְט קֶען עֶר וֶוערְן בַּאלֵיידִיגְט אוּן זִיךְ נֶעמֶען וֵויינֶען, אוּן וֶוען מַיין טַאטֶע מַאכְט זִיךְ נִשְׁט וִויסְנְדִיג פוּן אִים, קֶען עֶס אוֹיסְקְלַאפְּן אַז עֶר נֶעמְט זִיךְ טְשֶׁעפֶּען אַנְדֶערֶע קִינְדֶער.

עֶר הָאט נִשְׁט פַּיינְט מַיין טַאטֶע, עֶר קֶען אֲפִילוּ וֶועלְן לֶערְנֶען מִיט אִים וְכַדוֹמֶה אוּן מַיין טַאטֶע קֶען נִשְׁט כַאפְּן וָואס דִי פְּרָאבְּלֶעם אִיז. מַיין טַאטֶע טְרַאכְט אַז אֶפְשָׁר דַארְף עֶר אַוֶועקְפָארְן פַאר אַ שְׁטִיק צַייט עֶר זָאל נִשְׁט זַיין מִיט אִים צוּזַאמֶען, וֶועט זִיךְ עֶס בַּארוּאִיגְן; אֶפְשָׁר דַארְף מֶען אִים פַארְשִׁיקְן אִין אַ יְשִׁיבָה אִין אַן אַנְדֶערֶע שְׁטָאט אָדֶער מְדִינָה?

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר זָאגְן וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דֶעם? וָואס מוּטְשֶׁעט פַאר דֶעם בָּחוּר? אוּן וָואס פַאר אַן עֵצָה קֶען אִיךְ זָאגְן פַאר מַיין טַאטֶע?

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז מִיר אַזוֹי שֵׁיין מַדְרִיךְ.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ה׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז מֶען לֶערְנְט נִשְׁט אוֹיס קִינְדֶער דִי א׳ ב׳ פוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ; קִינְדֶער דַארְף מֶען לֶערְנֶען פוּן וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גָאר יוּנְג - דֶרֶךְ אֶרֶץ

פַּאר טַאטֶע מַאמֶע. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן סה): "צָרִיךְ לְלַמֵּד אֶת הַתִּינוֹק דֶּרֶךְ אֶרֶץ מִנְּעוּרָיו", מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דֶעם קִינְד דֶרֶךְ אֶרֶץ וֶוען עֶר אִיז נָאךְ יוּנְג, וֶוען מֶען אִיז יוּנְג קֶען מֶען גְרִינְג בֵּייגְן דֶעם קִינְד זָאל זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי זִיךְ צוּ פִירְן מִיט עֶלְטֶערְן.

וֶוען אִיךְ זֶע קִינְדֶער וָואס פִירְן זִיךְ נִישְׁט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ - הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר רַחְמָנוּת אוֹיף זֵיי אַז מֶען הָאט זֵיי נִישְׁט מְחַנֵךְ גֶעוֶוען, אוּן אַנְשְׁטָאט טְרַאכְטְן אוֹיפְן קִינְד אַז עֶר אִיז שְׁלֶעכְט, טְרַאכְט אִיךְ 'נֶעבֶּעךְ, אַ רַחְמָנוּת אוֹיף אִים, זַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אִים נִישְׁט גֶעלֶערְנְט צוּ הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ פַּאר טַאטֶע מַאמֶע'.

וֶוען מֶען אִיז עֶלְטֶער - אִיז שׁוֹין אַבִּיסְל שְׁפֶּעט, אָבֶּער מֶען קֶען נָאךְ אוּן מֶען דַארְף נָאכְלַאפְן לֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן יֶעדֶע מָאל אַ קִינְד זָאגְט עֶפֶּעס פַּארְן טַאטְן אָדֶער מַאמֶען נִישְׁט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ - דַארְף מֶען בַּאמֶערְקְן אוּן זָאגְן: "מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן אַזוֹי צוּ אַ טַאטֶע אוּן מַאמֶע", צֶענְדְלִיגֶער אוּן הוּנְדֶערְטֶער מָאל דַארְפְן קִינְדֶער הֶערְן, פוּן קְלֵיינְוַוייז אָן - אַז מֶען רֶעדְט צוּ עֶלְטֶערְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן מִיט גְרוֹיס הַכְנָעָה.

דִי פּוֹתְרֵי חֲלוֹמוֹת, טֶערָאפִּיסְטְן - זוּכְן פְרִישֶׁע מִיטְלֶען וִוי אַזוֹי מֶען קֶען מַאכְן עֶלְטֶערְן מִיט דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען, אוּן רוֹב מָאל הֶעלְפְט דָאס נִישְׁט; קוּמֶען זֵיי מִיט אַ נֵייעֶם וֶועג פוּן צֶעטֵיילְן דִי קִינְדֶער פוּן דִי עֶלְטֶערְן.

דִי עֵצָה אוּן דִי וֶועג אִיז, מֶען זָאל זָאגְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל פַּארְן קִינְד: "צוּ אַ טַאטֶע אוּן מַאמֶע רֶעדְט מֶען נִישְׁט אַזוֹי", "טַאטֶע מַאמֶע דַארְף מֶען מְכַבֵּד זַיין"; אַמָאל דַארְף מֶען זַיין נָאךְ מֶער שְׁטְרֶענְג, אָבֶּער דֶער עִיקָר עֵצָה אִיז זָאגְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

מֵיין נִישְׁט אַז דָאס אַלֵיין אִיז דִי זַאךְ, אוֹיסֶער חִינוּךְ דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד וָואס הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טֵייעֶרֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס אִיז דֶער סוֹד פוּן דִי הַצְלָחָה, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "וָואס מֵיינְט אִיר, קִינְדֶער זֶענֶען עֶפֶּעלֶעךְ וָואס מֶען רַייסְט אַרָאפּ

פוּן בּוֹים? אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**גֶעבֶּענְטְשְׁט זָאלְסְטוּ זַיין פַארְן הֶעלְפְן דְרוּקְן דִי סְפָרִים**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, אִסְרוּ חַג, ח׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**גֶעבֶּענְטְשְׁט זָאלְסְטוּ זַיין מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

פַארְן הֶעלְפְן דְרוּקְן דִי סְפָרִים וָואס זֶענֶען מְחַיֶּ׳ וּמְחַזֵּק אַזוֹיפִיל אִידְן, בִּפְרַט פַארְן הֶעלְפְן דְרוּקְן דֶעם בַּאנְד עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ט׳.

בִּזְכוּת דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת, וְהַצְלָחָה בְּכָל עִנְיָנִים.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**וואוּ אִיז עֶנְקֶערֶע שְׁרִיפְטְן?**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת צַו, י״ח אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע בְּרִיוו עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ׳ מִיט דִי בְּרִיוו, עֶס וַוייזְט זֵיי אַ וֶועג ווִי צוּ לֶעבְן; דִי וֶועג פוּן צַדִיקִים, דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה - מִיט דִי זִיסְקֵייט פוּן רֶבִּי׳ן.

הַלְוַאי וָואלְסְטוּ זִיךְ מֶער אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אַרוֹיסְגֶעבְּן פַאר קִינְדֶער בִּיכְלֶעךְ פוּן אֱמוּנָה, קִינְדֶער בִּיכְלֶעךְ פוּן מַעֲשִׂיוֹת, פַארְצֵיילְט אַזוֹי ווִי

מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט אוּנְז דֶערְצֵיילְן. מֶען דַארְף רַאטֶעוֶועןּ דֶעם דוֹר, מֶען דַארְף פַארְשְׁפְּרֵייטְן וָואס מֶער אֱמוּנָה פַאר דִי יוּגְנְט.

דָא הָאסְטוּ אַ מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט, ווִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים פְלֶעגְן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אִין דִי פֶעלְדֶער אַרוּם יְרוּשָׁלַיִם, הַיינְט אִיז שׁוֹין דִי אַלֶע פֶעלְדֶער אַ חֵלֶק פוּן יְרוּשָׁלַיִם, אָבֶער פַאר יָארְן צוּרִיק אִיז נָאר גֶעוֶוען אַלְט-שְׁטָאט, אוּן אִינְדְרוֹיסְן בַּיי קֶבֶר שִׁמְעוֹן הַצַּדִּיק אִיז אַלֶעס גֶעוֶוען וָועלְדֶער אוּן פֶעלְדֶער, אוּן בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים פְלֶעגְן גֵיין יֶעדֶע נַאכְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין.

דָא הָאסְטוּ אַ מַעֲשֶׂה:

"הַ-א-לְ-ט! בְּ-לַ-י-י-בְּ-ט אַ-לֶ-ע שְׁ-טֵ-י-י-ן! אוֹיבּ גֵייט אִיר וַוייטֶער וָועל אִיךְ אַייךְ אַלֶע שִׁיסְן!" הָאט דֶער אַרַאבֶּער גֶעשְׁרִיגְן.

דֶער אַרַאבֶּער זִיצְט אוֹיפְן קֶעמְל מִיט אַ גְרוֹיסֶע שְׁוֶוערְד, עֶר זִיצְט בַּיים טוֹיעֶר פוּן אַלְט שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם, עֶר בַּאוַואכְט דִי שְׁטָאט.

דִי גֶעזֶעץ אִיז גֶעוֶוען מֶען טָאר נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין בַּיינַאכְט פוּן דִי מוֹיעֶר פוּן יְרוּשָׁלַיִם, אָבֶער דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים - זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר סֵדֶר הַיּוֹם; זֵיי שְׁטֵייעֶן אוֹיף חֲצוֹת, לוֹיפְן אִין מִקְוֶה, גֵייעֶן צוּם קֶבֶר פוּן שִׁמְעוֹן הַצַּדִּיק אוּן נָאכְדֶעם זֶענֶען זֵיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד אִין דִי וָועלְדֶער אַרוּם יְרוּשָׁלַיִם.

דֶער פָּאלִיצְיַאנְט שְׁרֵייט: "וואוּ אִיז עֶנְקֶערֶע שְׁרִיפְטְן? עֶנְקֶערֶע פַּאסְפָּארְטְן? מֶען טָאר נִישְׁט זַיין בַּיינַאכְט אִינְדְרוֹיסְן פוּן דִי מוֹיעֶר!" דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים זָאגְן אִים: "עֶס אִיז דָא אֵיין תַּכְלִית אוֹיף דֶער וָועלְט, דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעדְן צוּ אִים אוּן בֶּענְקֶען צוּ אִים", דֶער אַרַאבֶּער וָוערְט זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן זָאגְט זֵיי: "אוֹיבּ עֶנְק וָועלְן מִיר נִישְׁט וַוייזְן דִי שְׁרִיפְטְן וָועל אִיךְ עֶנְק אַלֶע נֶעמֶען אִין תְּפִיסָה"; דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים זָאגְן אִים נָאכְאַמָאל אוֹיף אַרַאבִּישׁ: "עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין תַּכְלִית, דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; טוּט אַייךְ אוֹיס דִי פָּאלִיצַייאִישֶׁע קְלֵיידֶער אוּן גֵייט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

דֶער פָּאלִיצְיַאנְט רֶעדְט צוּ זֵיי פוּן גֶעזֶעץ, אוּן זֵיי עֶנְטְפֶערְן אִים נָאר פוּן

אֵייבֶּערְשְׁטְן: "וָואס מַאכְסְטוּ זִיךְ נַארִיש מִיט דִי שְׁוֶוערְד, מִיט דִי פָּאלִיצַייאִישֶׁע קְלֵיידֶער? טוּ אַלֶעס אוֹיס אוּן גֵיי אִין וַואלְד זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין", בִּיז דֶער אַרַאבֶּער זָאגְט: "עֶנְק זֶענֶען מְשׁוּגָעִים, עֶנְק קֶענֶען גֵיין"; אַזוֹי זֶענֶען זֵיי בַּאפְרֵייט גֶעוָוארְן.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה אוּן אוֹיסְגֶעפִירְט: "יֶעדֶע מָאל מֶען הָאט צוּטוּן מִיט אֵיינֶעם - זָאל מֶען נָאר רֶעדְן פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תַּכְלִית, אַז עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין תַּכְלִית אוֹיף דֶער וֶועלְט, דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן"; דָאס אִיז אַן עֵצָה צוּ וֶוערְן בַּאפְרֵייט פוּן אַלֶע צָרוֹת, וַוייל וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה - וֶוערְט לִיכְטִיג, אוּן אַלֶעס וֶוערְט גוּט.

בֶּעט דֶעם מֶעלֶער זָאל מָאלְן אַן אַרַאבֶּער זִיצְט אוֹיף אַ קֶעמְל מִיט אַ שְׁוֶוערְד אִין דִי הַאנְט מִיט אַ פָּנִים פוּן כַּעַס, אוּן פוּן דֶער זַייט קוּמֶען דְרֵיי אִידְן פְרֵיילִיךְ, אוֹיךְ זָאל מֶען זֶען דִי מוֹיעֶר פוּן יְרוּשָׁלַיִם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בֶּעסֶער נִישְׁט הֶענְגֶען בִּילְדֶער פוּן חַיוֹת טְמֵאוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ב' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בֶּעסֶער נִישְׁט אָנְקְלֶעבְּן דִי שְׁטוּב מִיט סְטִיקֶערְס פוּן חַיוֹת טְמֵאוֹת, עֶנְדֶערְשׁ וַוייזְן פַאר דִי קִינְדֶער כָּשֶׁרְ'ֶע חַיוֹת אוּן כָּשֶׁרְ'ֶע בְּהֵמוֹת.

דֶער חָזוֹן אִישׁ זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי מְנַהֲלִים פוּן חֲדָרִים זָאלְן אוֹיפְהֶענְגֶען בִּילְדֶער פוּן צַדִּיקִים, אַזוֹי וֶועלְן דִי קִינְדֶער קוּקְן אוֹיף דִי בִּילְדֶער, וֶועט דָאס מַאכְן אַ גוּטֶע רוֹשֶׁם אוֹיף זֵיי. דִי זֶעלְבֶּע אִיז פַּארְקֶערְט, אַז מֶען קוּקְט זִיךְ אַיין אִין בִּילְדֶער פוּן חַיוֹת טְמֵאוֹת - מַאכְט עֶס נִישְׁט קַיין גוּטֶע רוֹשֶׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נֶעמֶען מֶעדֶעצִין צוּ שְׁטַארְקְן דִי נֶערְוֶועןְ?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ב׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַוַדַאי זָאלְט אִיר גֵיין צוּם דָאקְטֶער נֶעמֶען מֶעדֶעצִין צוּ שְׁטַארְקְן אַייעֶרֶע נֶערְוֶוען; אַמָאל פֶעלְט עֶפֶּעס אַ גֶעוִויסֶע זַאךְ פַאר דִי מֹחַ, אִיז אַ שָׁאד צוּ לַיידְן.

דִי בֶּעסְטֶע מֶעדֶעצִין אִיז חַזֶר'ן אֱמוּנָה, חַזֶר'ן דִי עֶרְשְׁטֶע אֲנִי מַאֲמִין, חַזֶר'ן דִי וֶוערְטֶער: "מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ יִתְבָּרַךְ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם"; דָאס שְׁטַארְקְט דֶעם מֹחַ, עֶס שְׁטַארְקְט דִי נֶערְוֶוען, עֶס נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע פְּחָדִים, אַלֶע אַבְּסֶעסְיֶעס, מֶען וֶוערְט גֶעזוּנְט, מֶען וֶוערְט שְׁטַארְק, מֶען וֶוערְט פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט זֵייעֶר אַסַאךְ פוּן אֱמוּנָה, בִּפְרַט סוֹף יָמָיו הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט נָאר פוּן אֱמוּנָה, וַוייל אִין דֶעם אִיז אַלֶעס אָנְגֶעהָאנְגֶען, דָאס הֵיילְט דֶעם מֶענְטְשׁ. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן ה): "הָעִקָּר הוּא הָאֱמוּנָה", דֶער עִיקָר אִין לֶעבְּן אִיז אֱמוּנָה, גְלֵייבְּן אִין אֵייבֶּערְשְׁטְן, גְלֵייבְּן אַז עֶר אִיז אַלֶעס, עֶר טוּט אַלֶעס, "וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְחַפֵּשׂ אֶת עַצְמוֹ וּלְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה", מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה, גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס אִיז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. "כִּי יֵשׁ סוֹבְלֵי חֳלָאִים", וַוייל עֶס זֶענֶען דָא וָואס לַיידְן, "שֶׁיֵּשׁ לָהֶם מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת", זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע פַּיין, "וְהֵם סוֹבְלִים הֶחֳלָאִים רַק בִּשְׁבִיל נְפִילַת הָאֱמוּנָה", דִי פַּיין קוּמְט נָאר פוּן חִסָרוֹן אֱמוּנָה. אַלֶע גֵייסְטִישֶׁע יִסוּרִים וָואס מֶען לַיידְט, אַלֶעס נֶעמְט זִיךְ פוּן נִישְׁט זַיין שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה, "כִּי עַל יְדֵי נְפִילַת הָאֱמוּנָה", וַוייל אַז מֶען

פַאלְט פון דִי אֱמוּנָה, "בָּאִים מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת", קוּמְט אָן דִי שְׁטַארְקֶע פַּיין, "שֶׁאֵין מוֹעִיל לָהֶם לֹא רְפוּאוֹת", און קַיין שׁוּם זַאךְ קֶען נִישְׁט הֵיילְן דִי פַּיין און צַעַר; נִישְׁט קַיין מֶעדֶעצִין, "וְלֹא תְּפִלָּה", נִישְׁט קַיין תְּפִלּוֹת, "וְלֹא זְכוּת אָבוֹת", און נִישְׁט זְכוּת אָבוֹת, נָאר אֵיין רְפוּאָה אִיז דָא - אֱמוּנָה.

מָרַת ... תִּחְיֶ', זוּכְט זִיךְ אַ לֵיידִיגֶע פְּלַאץ מִיט פְרֵייעֶ מִינוּטְן אִין טָאג, און רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְס אִים פַאר אֱמוּנָה: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל וִויסְן אַז דוּ בִּיסְט דָא, דוּ בִּיסְט מִיט מִיר"; וַוייל דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נג): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ אֱמוּנָה, חַיָּיו חַיִּים", וֶוער עֶס הָאט אֱמוּנָה - אִיז אִים דָאס לֶעבְּן אַ לֶעבְּן, "וְהוּא מְבַלֶּה יְמֵי חַיָּיו בְּטוֹב תָּמִיד", און עֶר פַארְבְּרֶענְגְט זַיינֶע טֶעג און יָארְן נָאר מִיט גוּטְס. "כִּי כְּשֶׁהוֹלֵךְ לוֹ כָּרָאוּי וְיֵשׁ לוֹ טוֹב, בְּוַדַּאי טוֹב לוֹ", וַוייל וֶוען עֶס גֵייט אִים אַלֶעס אַזוֹי וִוי עֶר וִויל - אִיז דָאךְ גוּט, "וַאֲפִלּוּ כְּשֶׁאֵינוֹ כָּךְ, דְּהַיְנוּ שֶׁאֵין מִתְנַהֵג לוֹ כְּסֵדֶר וְיֵשׁ לוֹ יִסּוּרִין חַס וְשָׁלוֹם גַּם כֵּן טוֹב", און אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, עֶר לַיידְט יְסוּרִים חַס וְשָׁלוֹם - אִיז אִים אוֹיךְ גוּט, "כִּי הוּא בָּטוּחַ שֶׁאַף עַל פִּי כֵן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יְרַחֵם עָלָיו לְהַבָּא וְיֵיטִיב אַחֲרִיתוֹ, כִּי מֵאַחַר שֶׁהַכֹּל מֵאִתּוֹ יִתְבָּרַךְ בְּוַדַּאי הַכֹּל לְטוֹבָה", וַוייל עֶר פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רַחְמָנוּת הָאבְּן און אִים הֶעלְפְן, וַוייל 'אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט מִיר דִי שְׁלֶעכְטְס אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דָאס אִיז גוּט פַאר מִיר', "אֲבָל מִי שֶׁאֵין לוֹ אֱמוּנָה חַס וְשָׁלוֹם, חַיָּיו אֵינָם חַיִּים כְּלָל, כִּי תֵּכֶף כְּשֶׁעוֹבֵר עָלָיו אֵיזֶה רָעָה שׁוּב אֵין לוֹ שׁוּם חִיּוּת, כִּי אֵין לוֹ בַּמֶּה לְנַחֵם עַצְמוֹ כְּלָל, מֵאַחַר שֶׁאֵין לוֹ אֱמוּנָה כְּלָל, וְאֵין לוֹ שׁוּם חִיּוּת וְשׁוּם טוֹב, מֵאַחַר שֶׁהוֹלֵךְ בְּלִי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּבְלִי הַשְׁגָּחָה רַחֲמָנָא לִצְלָן", אָבֶּער דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה - הָאט נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, וַוייל וִוי נָאר עֶס גֵייט אִים עֶפֶּעס שְׁלֶעכְט הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שׁוּם טְרֵייסְט, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט מִיט וָואס צוּ טְרֵייסְטְן, וַוייל עֶר גְלֵייבְּט דָאךְ נִישְׁט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, "אֲבָל עַל יְדֵי אֱמוּנָה מַה טוֹב וְיָפֶה הַחִיּוּת שֶׁלּוֹ כַּנַּ"ל", אָבֶּער דֶער וָואס לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה - הָאט אַ שֵׁיינֶע זִיסֶע לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי עֶלְטֶערְן וֶועלְן הָאבְּן דִי רוּחַ הַקוֹדֶשׁ וֶועלְכֶע נָאמֶען צוּ גֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת חֻקַּת, ב׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ דִי נָאמֶען וְכוּ׳; יֶעצְט אִיז נָאךְ פְרִי צוּ אָפְּמַאכְן וֶועגְן אַ נָאמֶען. עֶס שְׁטֵייט פוּן צַדִיקִים (שַׁעַר הַגִּלְגּוּלִים, הַקְדָמָה כג; וְעוֹד); וֶוען מֶען גֶעבּוֹירְט אַ קִינְד קוּמְט אַ בְּחִינָה פוּן רוּחַ הַקוֹדֶשׁ פַאר דִי עֶלְטֶערְן וָואס פַאר אַ נָאמֶען צוּ גֶעבְּן, אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם וֶוען אִיר וֶועט הָאבְּן דָאס קִינְד וֶועלְן מִיר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס הִילְף רֶעדְן וָואס פַאר אַ נָאמֶען צוּ גֶעבְּן.

בִּיז דֶערְוַוייל זָאלְט אִיר נָאר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פְרוֹיעֶן הַצָלָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת חֻקַּת, ב׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳, מְנַהֶלֶת בֵּית פֵּיגָא, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ הַנָאָה אַז אִיר הַאלְט מִיט דִי פְּרָאגְרַאם וָואס מִיר מַאכְן יֶעצְט, אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר אַ גְרוּפֶּע עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן בַּיי אוּנְז אִין שְׁטֶעטְל זִיךְ צוּ לֶערְנֶען וִוי צוּ קֶענֶען זַיין אַ ״הַצָלָה וַואלֶענְטִיר״. מֶענְטְשְׁן מַאכְן חוֹזֶק פוּן ״פְרוֹיעֶן הַצָלָה״, אָבֶּער אַז מֶען טְרַאכְט אַרַיין - אִיז דָאס נִישְׁט קַיין חוֹזֶק; ווַייל וֶוען מֶען דַארְף לוֹיפְן רַאטֶעוֶוען אַ נֶפֶשׁ בְּיִשְׂרָאֵל - לוֹיפְן מֶענֶער, ווַייל

וֶוער עֶס קֶען שְׁנֶעלֶער קוּמֶען אוּן שְׁנֶעלֶער הֶעלְפְן - זָכָה לוֹ, אָבֶּער וִוי עֶס שְׁטֶעלְט זִיךְ אַרוֹיס - אִיז נַיין אוּן נַיינְצִיג פְּרָאצֶענְט פוּן הַצָּלָה רוּפְן - נִישְׁט קַיין פִּקּוּחַ נֶפֶשׁ, אִיז זִיכֶער בֶּעסֶער אוֹיב מֶען דַארְף בַּאהַאנְדְלֶען אַ פְּרוֹי אוּן עֶס אִיז דָא אִין שְׁטֶעטְל אַ גְרוּפֶּע פוּן צְוָואנְצִיג דְרַייסִיג פְרוֹיעֶן וָואס קֶענֶען בַּאהַאנְדְלֶען, דָאס אִיז זִיכֶער מֶער צְנִיעוּת'דִיג.

אִיךְ וֵוייס עֶס וֶועלְן זַיין לֵצִים וָואס וֶועלְן דָאס אַוֶועק מַאכְן, אָבֶּער מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט דֶעם כְּלָל: "לַאכְן לַאכְט דֶער וָואס לַאכְט בַּיים סוֹף"; מֶען הָאט גֶעלַאכְט וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט דִי חֵדֶר, מֶען הָאט גֶעלַאכְט וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט דִי בֵּית פֵּיגָא, מֶען הָאט גֶעלַאכְט וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי שְׁטֶעטְל, אוּן מֶען הָאט גָאר שְׁטַארְק גֶעלַאכְט וֶוען מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן חֲתוּנָה מַאכְן אִין שׁוּל וְכוּ' וְכוּ'; אָבֶּער לַאכְן לַאכְט דֶער וָואס לַאכְט בַּיים סוֹף, אוּן אַז דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה - בִּין אִיךְ גְרֵייט צוּ זַיין דֶער חוֹזֶק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

אִיךְ שְׁטוֹיְן וִוי אִיר זֶענְט אַזוֹי אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ב' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ'**

אִיךְ שְׁטֵיי אוּן אִיךְ שְׁטוֹיְן וִוי עֶנְק בֵּיידֶע גֶעבְּן זִיךְ אַזוֹי אַוֶועק עֶנְקֶער לַייבּ אוּן לֶעבְּן פַאר קְהִלּוֹת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ מֵהַבֹּקֶר וְעַד הָעֶרֶב, אוּן פוּן בַּיינַאכְט בִּיז אִינְדֶערְפְרִי; מִיט אַזַא אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט, אָן קַיין שׁוּם עֶרְוַוארְטוּנְגֶען מֶען זָאל עֶנְק עֶפֶּעס צוּרִיק טוּן.

אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵּל פַאר עֶנְק אוּן אִיךְ וואוּנְטְשׁ עֶנְק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל עֶנְק גֶעבְּן הַצְלָחָה, עֶנְק זָאלְן זֶען נַחַת בַּיי עֶנְקֶערֶע דוֹרוֹת אוּן בְּלַייבְּן גֶעטְרֵיי הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ, עֶס זָאל וֶוערְן שֶׁענֶער אוּן שֶׁענֶער.

...

## שָׁלוֹם מַאכְן מִיט דִי שְׁכֵנִים, וֶועט בְּרֶענְגֶען אַ נֵס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת חֻקַּת, ב' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

דֶער דָאקְטֶער הָאט עֶנְק גוּט אָנְגֶעשְׁרָאקְן אַז עֶר זֶעט שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן אִין דִי בְּלוּט פוּן דַיין וַוייבּ, אוּן דָאס גֵייט שָׁאטְן פַאר'ן קִינְד חַס וְשָׁלוֹם, אוּן עֶנְק זֶענֶען דֶערְשְׁרָאקְן אוּן פַארְלוֹירְן, עֶנְק בֶּעטְן אַ בְּרָכָה.

אִיךְ זָאג דִיר אַזוֹי, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט שָׁלוֹם מַאכְן מִיט דַיינֶע שְׁכֵנִים, דוּ וֶועסְט זֵיי מֶער נִישְׁט פַּיינְט הָאבְּן, דוּ וֶועסְט זוּכְן שָׁלוֹם מִיט זֵיי, דוּ מִיט דַיין וַוייבּ וֶועלְן נָאר זוּכְן דָאס גוּטְס בַּיי זֵיי - זָאג אִיךְ דִיר צוּ דוּ וֶועסְט זֶען אַ נֵס; סַיי דַיין וַוייבּ וֶועט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אוּן סַיי דָאס קִינְד וֶועט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

קוּם מִיר נִישְׁט זָאגְן אַז דוּ בִּיסְט גֶערֶעכְט, אִיךְ וֵויס דוּ בִּיסְט גֶערֶעכְט, אוּן פוּן דֶעם רֶעדְט מֶען יֶעצְט; וֶוען דוּ אוּן דַיין וַוייבּ זֶענֶען גֶערֶעכְט, אוּן דִי שְׁכֵנִים טוּעֶן אַזוֹי אוּן אַזוֹי, זָאלְסְטוּ נָאר זֶען גוּטְס אוּן זוּכְן שָׁלוֹם.

גֶעדֶענְק, אַ גֶעשֶׁעפְט אִיז אַ גֶעשֶׁעפְט.

...

## זָאלְסְטוּ אִיר אוֹיסְהֶערְן, אוֹיסְרֶעדְן, אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת חֻקַּת, ב' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, דִי נַאטוּר פוּן אַ פְּרוּי אִיז זֵייעֶר הַייקְל; סְפֶּעצִיעֶל אִין דִי טֶעג וָואס גֵייט אָן הֲלָכוֹת וְכוּ' - דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פָּארְזִיכְטִיג, אוּן אַז דִי פְּרוּי וֵויינְט - דַארְף מֶען זַיין קְלוּג דָאס נִישְׁט נֶעמֶען צוּם הַארְצְן, נָאר אוֹיסְהֶערְן מִיט גֶעדוּלְד אוּן רֶעדְן שֵׁיינֶער הַארְצִיגֶע וֶוערְטֶער, אוּן מִיט סַבְלָנוּת אוֹיסְוַוארְטְן אַז דִי פָּאר טֶעג זָאלְן אַרִיבֶּערְגֵיין וְכוּ'.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי מַתָּנָה; הָאסְט בַּאקוּמֶען אַ וואוֹילֶע גוּטֶע וַוייבּ פוּן אַ חָשׁוּבֶ'עֶ מִשְׁפָּחָה, זַיי אִיר מְכַבֵּד אוּן זַיי מְכַבֵּד אִירֶע עֶלְטֶערְן, אוּן

זָארְג נִישְׁט וֶועגְן קִינְדֶער; דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שֵׁיינֶע מִשְׁפָּחָה, עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, אוּן אַז דַיין וַוייבּ וֶויינְט, זִי זָארְגְט זִיךְ וֶועגְן קִינְדֶער, בִּפְרַט וֶוען מֶען זֶעט נָאכְאַמָאל אַז מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט קַיין גוּטֶע נַייעֶס - זָאלְסְטוּ אִיר אוֹיסְהֶערְן, אוֹיסְרֶעדְן אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

קוּם אִין שׁוּל מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אָנְגֶעטוּן וִוי עֶס פַּאסְט צוּ דַאוֶונֶען פַארְן מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים; וֶועסְטוּ הָאבְּן בְּקָרוֹב גוּטֶע נַייעֶס.

...

## שְׁטְרֶענְג זִיךְ אָן אוֹיפְצוּנֶעמֶען יֶעדְן מִיט אַ שְׁמֵייכְל

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ב' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ג, יב): "וֶהֱוֵי מְקַבֵּל אֶת כָּל הָאָדָם בְּשִׂמְחָה", זָאלְסְט אוֹיפְנֶעמֶען יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט אַ שְׁמֵייכְל, זָאלְסְט זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ שְׁמֵייכְלֶען צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, וּבִפְרָטִיּוּת צוּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (אָבוֹת דְּרַבִּי נָתָן פֶּרֶק יג, ד) וֶוען מֶען שְׁמֵייכְלְט צוּ אַ חַבֵר, "אֲפִילוּ לֹא נָתַן לוֹ כְּלוּם" אֲפִילוּ הָאסְט אִים גָארְנִישְׁט גֶעגֶעבְּן, "כְּאִילוּ נָתַן לוֹ כָּל מַתָּנוֹת טוֹבוֹת שֶׁבָּעוֹלָם" אִיז דָאס אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט אִים גֶעגֶעבְּן אַלֶע מַתָּנוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט.

לְמַעַן הַשֵּׁם, שְׁטְרֶענְג זִיךְ אָן מְקַיֵּים צוּ זַיין דִי מִצְוָה צוּ אוֹיפְנֶעמֶען יֶעדְן מִיט אַ שְׁמֵייכְל, אוּן גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם. גֵיי נִישְׁט אַרִיבֶּער אֵיינֶעם אָן אִים זָאגְן "וָואס מַאכְסְטוּ?" "וָואס הֶערְט זִיךְ?" אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל לִיבּ הָאבְּן יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן אִיד", וֶועסְטוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן קִנְאַת הַמַּלְאָכִים וָואס ווִילְן דִיךְ אַרָאפְּוַוארְפְן אִין נוּקְבָא דִתְהוֹמָא רַבָּה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן א).

...

## נִישְׁט אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער פַאר דִי דְזְשַׁאבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ב׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דִי שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה אוֹיף דִיר, ווִי דוּ הָאסְט גֶערוּפְן דֶעם בַּעַל הַבַּיִת וואוּ דוּ אַרְבֶּעסְט אוּן אִים גֶעזָאגְט שֵׁיין אוּן קְלָאר, אָדֶער זָאל עֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ רֶעדְן נִיבוּל פֶּה נֶעבְּן דִיר, אָדֶער גֵייסְטוּ אַרוֹיס פוּן דִי אַרְבֶּעט, אוּן דֶער בַּעַל הַבַּיִת וואוּ דוּ אַרְבֶּעסְט זָאגְט, עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן אַ אִינְגֶערְמַאן זָאל אִים זָאגְן אַזוֹי שֵׁיין מוּסָר.

אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ צוּ הֶערְן דִי מַעֲשֶׂה, דָאס וַוייזְט אַז דוּ בִּיסְט אַ יְרֵא שָׁמַיִם, דוּ בִּיסְט נִישְׁט גְרֵייט אַוֶועק צוּ גֶעבְּן דַיין תּוֹרָה אוּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער - פַאר אַ דְזְשַׁאבּ.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין יֶעדְן טָאג אַפָּאר מִינוּט פַאר הִתְבּוֹדְדוּת, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ וֶוערְן זֵייעֶר נָאנְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן פד): ״עִקָּר הִתְחַבְּרוּת וּדְבֵקוּת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הוּא עַל יְדֵי הַתְּפִלָּה״.

...

## הֶער אוֹיס דַיין וַוייבּ וֶוען זִי רֶעדְט צוּ דִיר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ג׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הֶער אוֹיס דַיין וַוייבּ וֶוען זִי רֶעדְט צוּ דִיר, עֶס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט אַז דִי פָּאר מִינוּט וָואס זִי רֶעדְט צוּ דִיר, זִי ווִיל דִיר דֶערְצֵיילְן פוּן אִיר טָאג - זָאלְסְטוּ אִיר נִישְׁט גֶעבְּן; אֶפְשָׁר זָאלְסְטוּ נִישְׁט אַהֵיים בְּרֶענְגֶען דַיין טֶעלֶעפָאן? עֶפֶּעס דַארְפְסְטוּ טוּן, קֶענְסְט נִישְׁט לָאזְן לוֹיפְן, אִיגְנָארִירְן דִי זַאךְ.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ הָאבּ הַיינְט גֶעמַאכְט טִיקֶעטְס פַאר מִיר אוּן מַיינֶע קִינְדֶער צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף פָאר אִיךְ זוּנְטָאג נָאכְט פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ זַיין בַּיים

רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע תִּיקוּנִים אוּן צוּ אַלֶעס גוּטְס. ווִי עֶס זֶעט אוֹיס פָאר אִיךְ דִי זֶעלְבֶּע וֶועג ווִי פַּארַאיָאר, פוּן פּוֹילְן קַיין אוּקְרֵיינֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶטְלִיכֶע עִנְיָנִים פַאר "בֵּית פֵיגָא" שׁוּלֶע

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ג' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ', מְנַהֶלֶת בֵּית פֵיגָא, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז אַייךְ אוּן וואוֹיל אִיז אַייעֶר חֵלֶק אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט פַארְן זִיךְ אַזוֹי אַוֶועק גֶעבְּן פַאר אוּנְזֶערֶע טֶעכְטֶער, פַארְן זָארְגְן פַאר יֶעדֶע קִינְד, יֶעדֶע תַּלְמִידָה פוּן בֵּית פֵיגָא - ווִי אַן אֵייגְן קִינְד; מִיר אַלֶע זֶענֶען אַייךְ זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר.

בְּנוֹגֵעַ בַּאצָאלְן דִי טִיטְשֶׁערְס וְכוּ'; דִי גֶעהַאלְט וָואס מִיר צָאלְן אִיז טַאקֶע אַבִּיסְל וֵוייניגֶער, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאלְט אִיר פַארְשְׁטֵיין, מִיר שְׁטֶעלְן צוּ פַאר דִי טִיטְשֶׁערְס 'בֶּעבִּי סִיטִינְג' אוּמְזִיסְט, אוֹיךְ שְׁטֶעלְן מִיר צוּ אַ וֶועג צוּ קוּמֶען אוּן אַהֵיים גֵיין. אַז מֶען רֶעכְנְט צוּזַאם דִי בֶּעבִּי סִיטִינְג אוּן דִי וֶועג מִיט דִי גֶעהַאלְט - אִיז דָאס גָאר שֵׁיין בַּאצָאלְט, לוֹיט וָואס אִיךְ וֵוייס אִיז בַּיי אַנְדֶערֶע מוֹסְדוֹת נִישְׁטָא קַיין בֶּעבִּי סִיטִינְג בְּחִנָּם, אוּן אוֹיךְ נִישְׁט אַ וֶועג.

בְּנוֹגֵעַ אוֹיב מֶען זָאל נָאךְ מַאכְן קוּמֶענְדִיגֶע יָאר אַז דִי זֶעקְסְטֶע קְלַאס זָאל קוּמֶען אָנְגֶעטוּן מִיט אַ יוּנִיפָארְם; אִיךְ הָאבּ זִיךְ אִיבֶּער גֶעטְרַאכְט, אִיךְ ווִיל זֵיי זָאלְן נָאךְ יָא בְּלַייבְּן מִיט דִי יוּנִיפָארְם פַאר קוּמֶענְדִיגֶע יָאר, מִכַּמָּה סִיבּוֹת.

בְּנוֹגֵעַ אוֹיסְלֶערְנֶען עִבְרִי פַאר דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען אַבִּיסְל שְׁוַואךְ אִין לֵיינֶען עִבְרִי; עֶס וָואלְט גֶעוֶוען זֵייעֶר גוּט אַז דִי וָואס גֵייעֶן לֶערְנֶען פְּרִיוַואט מִיט דִי קִינְדֶער, זָאלְן רֶעדְן מִיט מָרַת ... תִּחְיֶ', אוּן זִיךְ לֶערְנֶען בַּיי אִיר דִי חָכְמָה פוּן דִי זַאךְ, ווַייל זִי הָאט אַ שְׁטַארְקֶע פַארְשְׁטַאנְד אִין דֶעם, זִי הָאט

בַּאווּיזְן וואונְדֶער מִיט קִינְדֶער וָואס מֶען הָאט זִיךְ שׁוֹין מְיַיאֵשׁ גֶעוֶוען פוּן זֵיי, אוּן זֵיי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט לֵיינֶען עִבְרִי.

אוֹיךְ דִי טִיטְשֶׁערְס וָואס לֶערְנֶען אוֹיס עִבְרִי - וָואלְט גוּט גֶעוֶוען וֶוען זֵיי לֶערְנֶען זִיךְ בַּיי אִיר אַפָּאר וִויכְטִיגֶע נְקוּדוֹת, עֶס וָואלְט גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע תּוֹעֶלֶת פַאר בֵּית פֵיגָא אַז אוּנְזֶערֶע טִיטְשֶׁערְס זָאלְן בַּאקוּמֶען פוּן אִיר דִי גוּטֶע טִיפְּס; דֶער מְנַהֵל זָאגְט אַז דֶער עִבְרִי מְלַמֵּד אִין חֵדֶר הָאט בַּאקוּמֶען גוּטֶע עֵצוֹת, אוּן אַזוֹי פַּאלְט כִּמְעַט קֵיינֶער נִישְׁט אַרוֹיס פוּן כִּתָּה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט אַ שִׁידוּךְ

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ג׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין לִיבֶּער טֵייעֶרֶער הַארְצִיגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, עֶנְדִיג צוּ דִי שִׁידוּךְ פַאר הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר. גֵיי צוּ דִי רַבָּנִים פוּן זַיין טַאטֶע אוּן רֶעד צוּ זֵיי, זָאג זֵיי וָואס דֶער בָּחוּר גֵייט אַרִיבֶּער אוּן דֶער טַאטֶע אִיז אַ נַארִישֶׁער עַקְשָׁן, אוּן יֶעצְט אִיז דָא אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ וָואס וִויל דֶעם בָּחוּר פַאר אַן אֵיידֶעם אוּן עֶנְדִיגְן דִי שִׁידוּךְ.

טֵייעֶרֶער ..., וָואלְסְטוּ גֶעוְוּיסְט דִי רַחְמָנוּת אוֹיף בָּחוּרִים, דִי צַעַר אוּן וֵוייטָאג וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער טָאג טֶעגְלִיךְ, וִוי זֵיי רַייסְן זִיךְ צוּ זַיין אִידְן, זֵיי רַייסְן זִיךְ צוּ זַיין עֶרְלִיךְ, עֶס בְּרֶענְגְט אִין זֵיי דִי נִסְיוֹנוֹת, זֵיי גֵייעֶן אַרָאפּ פוּן זִין - וְאֵין מִי שֶׁיְּרַחֵם עֲלֵיהֶם. רוֹב טָאג בִּין אִיךְ עוֹסֵק אִין שִׁידוּכִים, אִיךְ פְּרוּבִיר וָואס אִיךְ קֶען צוּ מַאכְן שִׁידוּכִים, בֶּעט אִיךְ דִיר מַיין לִיבֶּער חַבֵר, הֶעלְף מִיר מִיט דִי מִצְוָה.

רֶעד צוּ ... וָואס מֶען קֶען טוּן, אוּן לָאז מִיר וִויסְן וָואס הֶערְט זִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן צוּ דִי וַוייבּ קֶעגְן אִיר מַאמֶע

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ג׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

הֶער אוֹיס וָואס אִיךְ זָאג דִיר אוּן נֶעם אָן מַיינֶע וֶוערְטֶער וָואס קוּמְט פוּן הַארְץ.

מֶען קֶען נִישְׁט אַוֶועקְנֶעמֶען אַ קִינְד פוּן אַ מַאמֶע; עֶס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט צוּ רֶעדְן צוּ דִי וַוייבּ קֶעגְן אִיר מַאמֶע, אוּן זִיכֶער אִיז נִישְׁט בַּארֶעכְטִיגְט אִיר אָפְּצוּהַאלְטְן פוּן גֵיין צוּ אִיר מַאמֶע.

רֶעד נִישְׁט קֶעגְן דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער, הָאבּ הַכָּרַת הַטּוֹב אַז זֵיי הָאבְּן דִיר גֶעגֶעבְּן זֵייעֶר טָאכְטֶער פַאר אַ וַוייבּ, אוּן זָאלְסְט נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן דַיין וַוייבּ פוּן גֵיין צוּ אִירֶע עֶלְטֶערְן. מוֹהֲרָא״ש זָאגְט: ״דִי אִינְגֶעלַייט וָואס הֵייסְן דִי וַוייבּ אָפְּהַאקְן מִיט אִירֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען רְשָׁעִים אוּן אַכְזָרִים״, אוּן דִי וֶועלְן אַלֵיין שְׁפִּירְן דִי טַעַם בַּיי דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער, דִי זֶעלְבֶּע טַעַם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעבְּן פַאר זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

מֵהַיּוֹם וָהָלְאָה זָאלְסְטוּ נִישְׁט רֶעדְן קַיין אֵיין וָוארְט צוּ דַיין וַוייבּ קֶעגְן אִירֶע עֶלְטֶערְן. דוּ הָאסְט אַ טֵייעֶרֶע שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער, אוּן אַז זֵיי הַאלְטְן אַנְדֶערְשׁ פוּן דִיר - וֶוערְן זֵיי נִישְׁט מְשׁוּגָע, אוּן אַז דוּ הָאסְט אוֹיף זֵיי - זָאלְסְטוּ גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת אוּן זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גְלֵייבּ מִיר לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם נְגִיעוֹת, אִיךְ הָאבּ אֵיין אִינְטֶערֶעס, דַיין שְׁטוּבּ זָאל נִישְׁט צֶעפַאלְן, זָאלְסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קְלֶענֶערֶע שִׁיעוּרִים פַאר דִי "הִתְאַחֲדוּת אַבְרֵכִים"

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ג' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ ווִיל צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן גֶעבְּן שִׁיעוּרִים פַאר אַבְרֵכִים, הַדְרָכָה ווִי צוּ לֶעבְּן בֵּין אִישׁ לְאִשְׁתּוֹ. ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן, זָאלְסְט מִיר הֶעלְפְן אַיינְטֵיילְן דִי אִינְגֶעלַייט תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה אִין גְרוּפֶּעס פוּן צֶען בִּיז פוּפְצְן אִינְגֶעלַייט, יֶעדֶע וָואךְ אַ צְוֵוייטֶע גְרוּפֶּע אוּן נָאכְדֶעם חוֹזֵר חָלִילָה. הֶעלְף מִיר מִיט אַיינְטֵיילְן דִי תַּלְמִידִים אוּן מִיט מוֹדִיעַ זַיין וֶוען עֶס אִיז זֵייעֶר צַייט.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס וֶועט זַיין מִיט הַצְלָחָה, דִי קְהִילָה וֶוערְט גְרֶעסֶער אוּן גְרֶעסֶער אוּן מֶען דַארְף גֶעבְּן שִׁיעוּרִים בַּאזוּנְדֶער פַאר אַלֶע צַייטְן; בַּאזוּנְדֶער פַאר בָּחוּרִים, בַּאזוּנְדֶער פַאר אִינְגֶעלַייט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

נָאךְ מַעֲרִיב רֶעד נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, גֵיי אַהֵיים שְׁלָאפְן, נָאר מִיט דַיין וַוייבּ קֶענְסְטוּ רֶעדְן. אַזוֹי וֶועסְטוּ גֵיין שְׁלָאפְן פְרִי אוּן קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין פְרִי, דַאוֶוענֶען פְרִי, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶער וָואס אִיז מְוַותֵּר לְמַעַן הַשָּׁלוֹם, דֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ג' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ קוּק דִיךְ זֵייעֶר אַרוֹיף אַז דוּ הָאסְט מְוַותֵּר גֶעוֶוען וְכוּ', אַבִּי עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם, בַּיי מִיר בִּיסְטוּ הַיינְט אַסַאךְ חָשׁוּבְ'עֶר, ווַייל דֶער וָואס אִיז מְוַותֵּר לְמַעַן הַשָּׁלוֹם - דֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ.

אִיךְ זָאג דִיר צוּ דוּ וֶועסְט גָארְנִישְׁט דֶערְלֵייגְן פוּן דֶעם, דוּ וֶועסְט נָאר הָאבְּן מֶער הַצְלָחָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שָׁלוֹם, סִימָן כב): "הַשָּׁלוֹם סִימָן לְשֹׂבַע", שָׁלוֹם בְּרֶענְגְט שֶׁפַע בְּרָכָה וְהַצְלָחָה.

דַארְפְסְט נִישְׁט קַיין סְמַארְטְפָאוֹן, עֶס וֶועט דִיר נִישְׁט בְּרֶענְגֶען קַיין אֵיין פְּרוּטָה מֶער פַאר דַיין בִּיזְנֶעס, עֶס וֶועט דִיר נָאר צוּנֶעמֶען דַיין חֵן, דַיין יִשּׁוּב הַדַעַת, דַיין שָׁלוֹם בַּיִת.

...

## מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ג' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוּן מִיט הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה. וַוייל וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה, מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אוּן מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, דָאס אִיז דֶער סוֹד וִוי אַזוֹי מֶען וֶוערְט אַ צַדִיק, דוּרְךְ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רפז), וָואס דַארְף אַ אִיד טוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט ? נָאר דַאוֶונֶען, לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן דִיר, אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אִין אָנְהוֹיבּ זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ בְּלִי הֲבָנָה, אוּן בְּמֶשֶׁךְ הַיָּמִים וֶועסְטוּ אָנְהוֹיבְּן פַארְשְׁטֵיין, אוּן דָאס וֶועט דִיךְ בְּרֶענְגֶען צוּ בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ תְּשׁוּבָה אוּן צוּ אַלֶעס וָואס מֶען קֶען צוּקוּמֶען.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ.

...

## אִין דִי קְהִילָה דַארְף מֶען אוֹיךְ מְפִיצִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ג' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אַ גְרוֹיסְן דַאנְק פַארְן מְקָרֵב זַיין אוּן מְחַזֵק זַיין דִי נַייעֶ מִשְׁפָּחוֹת וָואס צִיעֶן זִיךְ אַרוֹיס בַּיי אוּנְז אִין שְׁטֶעטְל, זֵיי מַאכְן שְׁפִּירְן גוּט אוּן הֵיימִישׁ. וַוייל מִיר הָאבְּן אַסַאךְ מְפִיצִים וָואס זֶענֶען מְחַזֵק אוּן מְקָרֵב מֶענְטְשְׁן פוּן אִינְדְרוֹיסְן פוּן אוּנְזֶער קְהִילָה, אָבֶּער אִין דִי קְהִילָה דַארְף מֶען אוֹיךְ מְפִיצִים. עֶס זֶענֶען דָא אִין שְׁטֶעטְל מִשְׁפָּחוֹת וָואס וַוארְטְן אוֹיף גוּטֶע חַבְרְ׳טֶעס, אוֹיף אַבִּיסְל וַוארֶעמְקֵייט אוּן מְקָרֵב זַיין וְכוּ׳ וְכוּ׳, דֶערִיבֶּער קוּמְט אַייךְ אַ יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן טוּן מִיט אוּנְזֶערֶע מִשְׁפָּחוֹת.

אַז מֶען הָאט אִינְזִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ לְהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ - וֶוערְט מֶען נִישְׁט אוֹיסְגֶעשֶׁעפְּט אוּן אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט, וְוִיפִיל מֶען טוּט - הָאט מֶען פְרִישֶׁע כֹּחוֹת צוּ טוּן נָאךְ אוּן נָאךְ.

זָאגְט יֶעדְן טָאג דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין׳ס.

...

### תּוֹרָה מַאכְט פְרֵיילִיךְ, תּוֹרָה מַאכְט צוּפְרִידְן

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ג׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער הַארְצִיגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן דִיר, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה דִיךְ צוּ זֶען לֶערְנֶען פְלַייסִיג חוּמָשׁ מִיט מִשְׁנַיוֹת. תּוֹרָה מַאכְט פְרֵיילִיךְ, תּוֹרָה מַאכְט צוּפְרִידְן. עֶס אִיז טַאקֶע נִישְׁט גְרִינְג, בִּפְרַט וֶוען מֶען אִיז יוּנְג, מֶען וִויל אַלֶעס טוּן אוֹיסֶער לֶערְנֶען, אָבֶּער אַז מֶען צֶעבְּרֶעכְט דֶעם יֵצֶר הָרָע, מֶען מַאכְט זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא וְכוּ׳ - וֶוערְט עֶס נָאכְדֶעם זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק.

זַיי מְכַבֵּד דַיינֶע עֶלְטֶערְן, הָאסְט טֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר ווָאוֹיל; זָאלְסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ זֵיי מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, וֶועסְטוּ מִיר מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיךְ לִיבּ.

...

### צְנִיעוּת הִיט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ג׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע נֵייעֶס, אַז עֶס קוּמְט אַ שִׂמְחָה בַּיי עֶנְק; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דִי חֲדָשִׁים זָאלְן אַרִיבֶּערְגֵיין גְרִינְג, אוּן אִיר זָאלְט הָאבְּן בְּנָקֵל וּבְנַחַת.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט הָאבְּן גוּטֶע חַבְר׳טֶעס אוּן זִיךְ דְרֵייעֶן צְווִישְׁן אַ גוּטֶע סְבִיבָה וָואס צְנִיעוּת אִיז נִישְׁט אַ נֶעבֶּעכְדִיגֶע זַאךְ, אִיר זָאלְט לִיבּ הָאבְּן דִי שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע אֵיידֶעלֶע רֵייכֶע וֶועג, נִישְׁט וִוי דִי פֶּעלְקֶער וָואס הָאבְּן גֶע׳הַרְגְ׳עֶט אוּנְזֶערֶע זֵיידֶעס אוּן בַּאבֶּעס.

גֵייט נִישְׁט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ אָן טֵייךְ, גֵייט אָנְגֶעטוֹן אֵיידְל, וֶועט אִיר זַיין גֶעזוּנְט, אָן קַיין מַחְלוֹת חַס וְשָׁלוֹם.

צְנִיעוּת הִיט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

...

### קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צְווִינְגֶען צוּ אַ שִׁידוּךְ

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ד׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוּו.

קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צְווִינְגֶען אַ קִינְד צוּ גֵיין צוּ אַ שִׁידוּךְ. אוֹיבּ דִי מֵיידְל זָאגְט נָאכְן בֶּעשׂוֹי אַז זִי ווִיל נִישְׁט - קֶען מֶען אִיר נִישְׁט נֵייטְן צוּם שִׁידוּךְ; מֶען קֶען מֶערְסְטְנְס צוּשְׁטוּפְּן זִיךְ נָאכְאַמָאל צוּ טְרֶעפְן, נָאכְאַמָאל שְׁמוּעֶסְן, אוּן אֶפְשָׁר וֶועט עֶס גֶעפֶעלְן בַּיי דִי צְווֵייטֶע מָאל, אָבֶּער מֶער פוּן דֶעם - אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, עֶס קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס פוּן דֶעם קַיין גוּטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מֶען טָאר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, פְלִיקְן, און שְׁטֶעכְן דֶעם מַאן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ד׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

מַאכְט נִישְׁט וֵויינֶען אַייעֶר מַאן, אִיר הָאט אַ טַייעֶרעֶר מַאן, אַן אוֹיסְנַאם גוּטֶער מַאן, שְׁטֶעכְט אִים נִישְׁט, פְלִיקְט אִים נִישְׁט אַריין, עֶר אִיז אַזוֹי אֵיידְל, אַזוֹי סֶענְסֶעטִיוְו, גֶעבְּט אַכְטוּנְג אִיר זָאלְט נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין שְׁטְרָאף.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בָּבָא מְצִיעָא נט.) זָאגְן פַאר דִי מֶענֶער מֶען זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען דִי וַוייבּ, וַוייל אַ פְרוֹי וֵויינְט שְׁנֶעל און עֶס קֶען זַיין אַ סַכָּנָה; דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז דִי וַוייבּ מֶעג יָא טְשֶׁעפֶּען, פְלִיקְן, שְׁטֶעכְן און מַאכְן דֶעם מַאן וֵויינֶען, עֶס אִיז דִי זֶעלְבֶּע עֲבֵירָה און דִי שְׁטְרָאף אִיז דִי זֶעלְבֶּע.

טוּט תְּשׁוּבָה.

...

### רֶעד מִיט עֶלְטֶערְן שֵׁיינֶערְהֵייט מִיט סַבְלָנוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ד׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ, יְרוּשָׁלַיִם**

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ.

שִׁיק מִיר יֶעדְן טָאג אַ בַּארִיכְט פוּן יֶעדֶע פְּרַט אִין דִי מוֹסְדוֹת, וַוייל דִי חֵדֶר, דִי מֵיידְל שׁוּל און דִי יְשִׁיבָה - אִיז מִיר וִויכְטִיגֶער פוּן אַלֶעס.

בְּנוֹגֵעַ דִי עֶלְטֶערְן וָואס נֶעמֶען נִישְׁט עֶרְנְסְט דִי זְמַנִּים וְכוּ׳, יֶעדְן שֵׁנִי וַחֲמִישִׁי פֶעלְן דִי קִינְדֶער; דַארְף מֶען רֶעדְן צוּ זֵיי, זֵיי גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז קִינְדֶער אִיז נִישְׁט גוּט וֶוען זֵיי גֵייעֶן און קוּמֶען, פֶעלְן וְכוּ׳.

רֶעד מִיט עֶלְטֶערְן שֵׁיינֶערְהֵייט, מִיט סַבְלָנוּת. הַיינְטִיגֶע טֶעג דַארְף מֶען רֶעדְן צוּ דִי עֶלְטֶערְן זֵייעֶר הַייקֶל און זֵייעֶר אֵיידְל, וַוייל עֶס גֵייט אַרִיבֶּער

אויף מֶענְטְשְׁן שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע צָרוֹת, און חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא, טז:): "אֵין אָדָם נִתְפָּס עַל צַעֲרוֹ", מֶענְטְשְׁן זֶענֶען שִׁיכּוֹר פון צָרוֹת, מֶען פַארְגֶעסְט אַז מֶען הָאט אַ וַוייבּ מִיט קִינְדֶער, מֶען זֶעט נָאר חוֹבוֹת, מֶען זֶעט נָאר שְׁטֶערְנְס.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר מַיין טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט. אִיךְ וֵוייס גָאר גוּט וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער יֶעדְן טָאג און יֶעדֶע מִינוּט, אִיךְ גֵיי דָאס שׁוֹין אַרִיבֶּער צְוָואנְצִיג יָאר; מֶען אַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁוֶוער מִיט קִינְדֶער בִּיז מֶען זֶעט פֵּירוֹת, און דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען פַארְנוּמֶען, זֵיי כַאפְּן נִישְׁט וָואס אַ מְלַמֵּד טוּט, וָואס אַ לֶערֶערִין טוּט, מֶען הָאט נִישְׁט דִי יִשּׁוּב הַדַּעַת צוּ גֶעדֶענְקֶען זִיךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען, און טַעֲנוֹת אִיז דָא גֶענוּג און נָאךְ; דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר דֶערְהַאלְטְן, זִיךְ מְחַזֵּק זַיין און נִישְׁט צֶעפַאלְן.

אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, מִיט סַבְלָנוּת - וֶועסְטוּ אָנְקוּמֶען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֵייעֶר שֵׁיין און זֵייעֶר וַוייט, מֶען וֶועט אַלֶעס קֶענֶען פּוֹעֵל'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַכְטוּנְג גֶעבְּן אויף קִינְדֶער וואו און מִיט וֶועמֶען זֵיי דְרֵייעֶן זִיךְ

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ד' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הֶער אַז דַיין זוּן אִיז נִישְׁט אִין שׁוּל בַּיים דַאוֶוענֶען, עֶר דְרֵייט זִיךְ און פְּרֵייט זִיךְ וְכוּ'; אויךְ נָאךְ חֵדֶר גֵייט עֶר נִישְׁט אַהֵיים, עֶר דְרֵייט זִיךְ אִין דִי גַאסְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אויף דַיינֶע קִינְדֶער, מֶען קֶען נִישְׁט קוּמֶען אִין שׁוּל מִיט קִינְדֶער נָאר אַז דִי קִינְדֶער זֶענֶען אִין שׁוּל נֶעבְּן דִי טַאטֶע בַּיים דַאוֶוענֶען, און אַזוֹי אויךְ נָאךְ חֵדֶר מוּזְן דִי קִינְדֶער אַהֵיים קוּמֶען,

און די עֶלְטֶערְן דַארְפְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן וואו זֵיי גֵייעֶן און מִיט וֶועם זֵיי חַבֵר'ן זִיךְ.

מוֹהַרְאַ"שׁ זָאגְט, דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת כג:): "הָרָגִיל בְּנֵר הַוְיָן לוֹ בָּנִים תַּלְמִידֵי חֲכָמִים", זָאגְט מוֹהַרְאַ"שׁ, נֵרוֹת אִיז גֶעמַאכְט אוֹיפְצוּזוּכְן, מֶען אִיז בּוֹדֵק חָמֵץ מִיט אַ לִיכְט (פְּסָחִים ז:), דָאס זָאגְן די הֵיילִיגֶע חֲכָמִים, 'הָרָגִיל בְּנֵר', דֶער וָואס קוּקְט נָאךְ די קִינְדֶער וֶוער זֵייעֶרֶע חֲבֵרִים זֶענֶען, און וואו זֵיי גֵייעֶן וְכוּ' - די וֶועלְן הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

עֶס לוֹינְט די אַרְבֶּעט, עֶס צָאלְט זִיךְ אוֹיס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט פַארְלַאנְגֶען פוּן בָּחוּרִים צוּ צָאלְן פַאר זֵייעֶרֶע גֶעבְּרוֹיכְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת חֻקַּת, ד' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הֶער פוּן די בָּחוּרִים, חֲבֵרִים פוּן דַיינֶע בָּחוּרִים בַּיי אוּנְז אִין יְשִׁיבָה - אַז דַיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע פְּרֶעשׁוּר פוּן גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר זֵייעֶרֶע גֶעבְּרוֹיכְן; דוּ פַארְלַאנְגְסְט זֵיי זָאלְן גֵיין נָאךְ גֶעלְט זִיךְ אַלֵיין צוּ צָאלְן שְׂכַר לִימוּד און פַאר אַלֶע זֵייעֶרֶע גֶעבְּרוֹיכְן.

לְדַעְתִּי אִיז דָאס נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, דָאס טוּט זֵיי זֵייעֶר צֶעדְרִיקְן; עֶס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט דָאס צוּ טוּן מִיט די קִינְדֶער.

אוֹיבּ דָאס קוּמְט מֵרְצוֹנָם הַטּוֹב - אִיז עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ; אוֹיבּ קִינְדֶער הֶעלְפְן אַרוֹיס די עֶלְטֶערְן מִיטְן זִיךְ אַלֵיין שַׁאפְן גֶעלְט פַאר בְּגָדִים, הוֹצָאוֹת וְכוּ' - אִיז דָאס זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע זַאךְ, און מִיר טוּעֶן שְׁטֶענְדִיג מְעוֹדֵד זַיין די בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה זֵיי זָאלְן הָאבְּן אַ גֶעפִיל פַאר די עֶלְטֶערְן, סֵיי מִיט נִישְׁט פַארְלַאנְגֶען כְּסֵדֶר נֵייעֶ קְלֵיידֶער וְכַדוֹמֶה, סֵיי אַז מֶען פַארְדִינְט - זָאל מֶען הֶעלְפְן די עֶלְטֶערְן און סֵיי מִיט גֵיין נָאךְ גֶעלְט, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט

אַז דִי עֶלְטֶערְן פַארְלַאנְגֶען דָאס פוּן יוּנְגֶע בָּחוּרִים, דְרַייצְן פֶערְצְן יָאר אַלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## צְווישְׁן דִי דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן, זָאלְט אִיר בֶּעטְן אַייעֶרֶע תְּפִלּוֹת

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ד' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

רֶעדְט נִישְׁט צוּ אַייעֶר מַאן פוּן רֶבִּי'ן, עֶר ווִיל נָאכְנִישְׁט הֶערְן דִי זַאכְן; רֶעדְט צוּ אִים נָאר פוּן זַאכְן וָואס עֶר ווִיל הֶערְן, אוּן שְׁטִילֶערְהֵייט זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר, אַייעֶר מַאן אוּן אַייעֶרֶע דוֹרוֹת זָאלְן אַלֶע זַיין מְקוּרָב אוּן מְקוּשָׁר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן בָּזֶה וּבַבָּא.

דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי נִיסִים אַז אַלֶע זֶענֶען גֶעזוּנְט, אַז אִיר הָאט אַ טֵייעֶרֶער מַאן אוּן נָאךְ אַבִּיסְל זֶענְט אִיר שׁוֹין אַ מַאמֶע, אוּן צְווישְׁן דִי דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן - זָאלְט אִיר בֶּעטְן אַייעֶרֶע תְּפִלּוֹת. זָאגְט אַרוֹיס אַלֶע אַייעֶרֶע וֵוייטָאג, זָאגְט אַרוֹיס אַלֶע זַאכְן וָואס דְרוּקְט אַייךְ, אוּן עֶנְדִיגְט אוֹיךְ מִיט דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן, עֶס זָאל אַייךְ בְּלַייבְּן אַ גוּטֶע טַעַם אִין מוֹיל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וֶוער הָאט דִיךְ אַזוֹי פַארְדְרֵייט מִיט אַזֶעלְכֶע פַארְדְרֵייטֶע שְׁיטוֹת?

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ה' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין וַוייבּ בֶּעט נָאכְאַמָאל אִיךְ זָאל רֶעדְן צוּ דִיר, זִי שְׁרַייבְּט אַז עֶס קֶען

אַרִיבֶּערְגֵיין אַ גַאנְץ יָאר און דו דְרֵייסְט זִיךְ אַרוֹיס מִיט תֵּירוּצִים וְכוּ׳, דוּרְכְאוֹיס די יָאר לֶעבְּט מֶען נִישְׁט אִינְאֵיינֶעם וְכוּ׳; זִי בֶּעט מִיר אִיךְ זָאל רֶעדְן צוּ דִיר.

טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, דֶער זֶעלְבֶּער בַּאשֶׁעפֶּער וָואס הָאט גֶעזָאגְט מִיר זָאלְן אָנְטוּן תְּפִילִין, אָנְטוּן צִיצִית און הִיטְן שַׁבָּת, זָאגְט אוּנְז מִיר זָאלְן פְרֵייליךְ מַאכְן דִי וַוייבּ וְכוּ׳. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסָחִים עב:): "חַיָּיב לְשַׂמֵּחַ אִשְׁתּוֹ בִּדְבַר מִצְוָה", מֶען דַארְף פְרֵייליךְ מַאכְן דִי וַוייבּ מִיט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט, און אַזוֹי וֶוערְט גֶע׳פַּסְקְ׳נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רמ, סְעִיף א) אַז מֶען זֶעט בַּיי דִי וַוייבּ, "שֶׁהִיא מְשַׁדַּלְתּוֹ וּמְרַצָּה אוֹתוֹ וּמְקַשֶּׁטֶת עַצְמָהּ לְפָנָיו כְּדֵי שֶׁיִּתֵּן דַּעְתּוֹ עָלֶיהָ, חַיָּיב לְפָקְדָהּ"; אִיז וָואס אִיז דִי פְּשַׁט אַז דו לוֹיפְסְט אַוֶועק פון שְׁטוּבּ יֶעדֶע מָאל מִיט אַן אַנְדֶערֶע תֵּירוּץ?

דַיין וַוייבּ שְׁרַייבְּט, זִי וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, פון אֵיין זַייט הָאט זִי דִיךְ לִיבּ, זִי וֵוייסְט דו בִּיסְט עֶרְלִיךְ, דו לֶערְנְסְט, דו דַאוֶועְנְסְט, און אוֹיךְ וֶוען דו גֵייסְט אַוֶועק פון שְׁטוּבּ גַאנְצֶע נֶעכְט - גֵייסְטוּ צוּ מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים וְכוּ׳ וְכוּ׳, אָבֶּער זִי טַעְנָה׳ט זִי דַארְף אַ מַאן, זִי דַארְף נִישְׁט קַיין מַלְאָךְ.

טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, וֶוער הָאט דִיךְ אַזוֹי פַארְדְרֵייט מִיט אַזֶעלְכֶע פַארְדְרֵייטֶע שִׁיטוֹת? וֶוער הָאט דִיר גֶעלֶערְנְט פְּרִישׁוּת? בִּיסְט דָאךְ מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, דו זִיצְט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס שְׁטוּבּ - וָואס הָאט אוּנְז אָנְגֶעוָואֶרֶענְט נִישְׁט צוּ הָאבְּן מִיט דִי חוּמְרוֹת וּפְרִישׁוּת, נָאר זִיךְ פִירְן בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה. נֶעם דַיין הַדְרָכָה פון דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; וֶוען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן מוֹהֲרָא"שׁ זָאל מִיךְ מַדְרִיךְ זַיין וְכוּ׳, הָאט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט: "וֶוען דו לֶערְנְסְט גְמָרָא און מֶדְרָשִׁים - קוּק וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבְּן גֶעלֶעבְּט", שְׁפֶּעטֶער הָאט מִיר יָא מוֹהֲרָא"שׁ גֶעלֶערְנְט וִוי צוּ לֶערְנֶען מִיט חֲתָנִים און אַבְרֵכִים. קוּק וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רַב הָאט גֶעלֶעבְּט אִין שְׁטוּבּ (חֲגִיגָה ה:), וִוי רָבָא הָאט גֶעלֶעבְּט (שַׁבָּת פו.; כְּתוּבּוֹת סה.), וִוי רַב חִסְדָא הָאט מַדְרִיךְ גֶעוֶוען זַיין שְׁטוּבּ (שַׁבָּת קמ:).

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סב:): "אָמַר רַבִּי

יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי, כָּל הַיּוֹדֵעַ בְּאִשְׁתּוֹ שֶׁהִיא יִרְאַת שָׁמַיִם", וָוער עֶס הָאט אַן עֶרְלִיכֶע פְּרוֹי, אַן אֵיידֶעלֶע פְּרוֹי מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, "וְאֵינוֹ פּוֹקְדָהּ", און עֶר שֵׁיידְט זִיךְ אָפּ פון אִיר - "נִקְרָא חוֹטֵא", וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אַ זִינְדִיגֶער מֶענְטְשׁ.

אִיךְ בֶּעט דִיר נָאכְאַמָאל, טוּ דִי רָצוֹן הַשֵּׁם, לֶעבּ מִיט דַיין וַוייבּ - וֶועט דִיר גוּט זַיין. דוּ וֵוייסְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיאוּף, סִימָן יג) אוֹיבּ מֶען פַארְפֶּעלְט צוּ גֶעבְּן פַאר דִי וַוייבּ וְכוּ' און דִי וַוייבּ הָאט פון דֶעם צַעַר - בַּאקוּמְט מֶען אַ שְׁטְרָאף חַס וְשָׁלוֹם. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן, (כְּתוּבּוֹת סב:) רָבָא הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד רַב רְחוּמִי, אֵיינְמָאל הָאט רַב רְחוּמִי זִיךְ פַארְלֶערְנְט און נִישְׁט אַהֵיים גֶעקוּמֶען, זַיין וַוייבּ הָאט גֶעוַוארְט און גֶעוַוארְט, זִי הָאט גֶעטְרַאכְט: 'הַשְׁתָּא אָתֵי', יֶעצְט קוּמְט עֶר שׁוֹין, זִי הָאט גֶעזָאגְט "הַשְׁתָּא אָתֵי", יֶעצְט קוּמְט עֶר שׁוֹין, און עֶר אִיז נִישְׁט אַהֵיים גֶעקוּמֶען. עֶס הָאט אִיר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן, "אַחִית דִּמְעָתָא מֵעֵינָהּ", זִי הָאט אַרָאפְּגֶעלָאזְט אַ טְרֶער פון אִירֶע אוֹיגְן און עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַן עוֹנֶשׁ, עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן; זֶעט מֶען פון דֶעם דָאס הַארְבְּקֵייט פון נִישְׁט גֶעבְּן אִין שְׁטוּבּ וָואס מֶען אִיז מְחוּיָּב, עֶס אִיז זֵייעֶר הַארְבּ.

בִּיסְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וִויל אִיךְ דוּ זָאלְסְט זִיךְ פִירְן מִיט דִי תּוֹרָה, נִישְׁט מִיט קַיין פַארְדְרֵייטֶע שִׁיטוֹת.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט פָאלְגְן וָואס שְׁטֵייט אִינֶעם בְּרִיוו, וֶועט דִיר גוּט זַיין בָּזֶה וּבַבָּא.

...

## גֵיי בַּאדִינֶען דַיין טַאטֶע אִין שְׁפִּיטָאל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ה' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ דַיין פְרַאגֶע, דַיין טַאטֶע אִיז אִין שְׁפִּיטָאל, עֶר נֶעמְט שְׁוֶוערֶע

טְרִיטְמֶענְטְס, וְוילְסְטוּ וִויסְן אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט אוֹיפְהֶערְן אַרְבֶּעטְן אוּן זַיין מִיט אִים, אוּן אוֹיבּ יָא - וִוי אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען אוֹיסְהַאלְטְן דַיין מִשְׁפָּחָה?

מֶען קֶען טוּן בֵּיידֶע; קֶענְסְט וַוייטֶער אַרְבֶּעטְן אוּן בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, אוּן זִיךְ מַאכְן צַייט צוּ גֵיין בַּאדִינֶען דַיין טַאטֶע אִין שְׁפִּיטָאל, אוּן דַיין וַוייבּ זָאלְסְטוּ בֶּעטְן רְשׁוּת, אוּן אִיר גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז דוּ דַארְפְסְט גֵיין אִין שְׁפִּיטָאל הֶעלְפְן דַיין טַאטֶע, אוּן בְּקָרוֹב וֶועט עֶר הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה, וֶועסְטוּ קֶענֶען צוּרִיק קוּמֶען צוּם גֶעהֶערִיגְן סֵדֶר.

בְּנוֹגֵעַ אוֹיבּ צוּ זָאגְן פַארְן טַאטְן יָא צוּ נֶעמֶען קִימָא טְרִיטְמֶענְטְס אָדֶער נִישְׁט; דַיין מִצְוָה אִיז מְכַבֵּד זַיין דַיין טַאטֶע, אוּן נִישְׁט זוּכְן אַיינְצוּטֵיילְן וָואס יָא אָדֶער נִישְׁט; דוּ זָאלְסְט אִים בַּאדִינֶען אַזוֹי וִוי מֶען בַּאדִינְט דֶעם חָשׁוּבְ'סְטְן מֶענְטְשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

ב"ה

ראש חודש
תמוז תשפ"ד
לפ"ק

ועד מרישא גמירא

פלאטפארמע מיטצוהאלטן פארשריט פון ספרי מכון עצתו אמונה

עצתו אמונה
חלק י"א
ערשטע פאזע:
1 הגהה

איש אמונות
תש"פ חלק א'
דריטע פאזע:
3 מפתחות

ליקוטי מוהר"ן
עם פירוש שפתי תפתח, סימן ד'
ערשטע פאזע:
1 ניקוד והגהה

בשורה טובה: מ'קען שוין איינהאנדלען א זכות דורך אונזער מטבע אקאונט: 00124222790
ווי אויך דורך אונזער OJC אקאונט: 10505

האנדלט אייך איין א זכות אינעם ספר וואס וועט מחי' זיין און מחזק זיין טויזנטער אידישע קינדער צו עבודת ה'
רופט שוין אן ר' ישעי' איידליס הי"ו צו נעמען אייער זכות 347.831.1391